UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 138 - Fall 2001 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1267f288

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 138(1)

Publication Date
2001

Copyright Information
Copyright 2001 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 138

האַרבסט
תשס"ב

AUTUMN
2001

# אינהאַלט

11־טער סעפּטעמבער......3
צום 100־סטן געבוירנטאָג פון איציק מאַנגער......4
צ. אייזנמאַן: אויפן "דאַך פון דער וועלט"......14
ב. גאָטעסמאַן: לידער......17
מ. שקליאַר: דאָס לעצטע בוך פון דיכטער חיים שוואַרץ......18
פּ. פּלאָטקין: לידער......27
מ. וואָלף: דער גרויסער באַשיצער פון אָסקאַר (ישראל) גרוזענבערג......28
מ. אייזענבוד: דער לעצטער אַקאָרד......36
מ. שקליאַר: לידער......43
ע. פישביין: אין "הויז פון וויקטאָר היגאָ"......45
ל. באַראָוויק: ליד......47
מ. בן שלמה זאב: די שמשוניאַדע - פּאַרפירערשאַפט און ליבע......48
ג. סלוצקי־קאָהן: משל......53
א.ביידער: וועגן נתן זאַבאַרע און זיין אַרכיוו......54
מ.: זינגענדיק און טאַנצנדיק......55
*אָנגעקומען אין רעדאַקציע......56
י. סאָסקי: 75 יאָר יידישער קולטור קלוב און 55 יאָר "חשבון"......58
נ. שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב......64
באַגריסונגען......65

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן,**
**לייענער און מיטאַרבעטער**
**ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט,**
**גליק און שלום.**

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"*

---


# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

**משה שקליאַר:**
רעדאַקטאָר

**ישׂראל גובקין:**
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
**נומ. 138**

**פּעריאָדישע שריפט**
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
**נתן שטיינמאַן, פּינ. סעקר.**
**צבי הירש, פאַרוואַלטער**
**זעלדע מאַלעוויטש**
**לילקע מייזנער**
**יעקב שייפער**

**56־ער יאָרגאַנג, נומער 138 • האַרבסט 2001 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.**

## 11־טער סעפּטעמבער

זעקס טעג ערב ראש השנה איז עס געשען. כ״ג אלול תשס״א (דעם 11־טן סעפּטעמבער 2001). דער דאָזיקער טראַגישער דינסטיק ווען מחבלים פון אַ פרעמדער וועלט, פון אַ פרעמדער ציוויליזאַציע, אָדער אומציוויליזאַציע, זענען ווי רויבפייגל אָנגעפלויגן אויף ניו־יאָרק און וואַשינגטאָן און אומגעבראַכט טויזנטער אומשולדיקע מענטשן - דער דאָזיקער טראַגישער טאָג וועט מיט בלוטיקע אותיות פאַרשריבן ווערן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אַדאַנק דער מאָדערנער טעכניק און קאָמוניקאַציע־מיטלען האָבן הונדערטער מיליאָנען מענטשן אין אַלע עקן וועלט געהאַט די מעגלעכקייט אויף דער "הייסענער מינוט" צו זען די שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע, די קנוילן רויך וואָס האָבן זיך געהויבן איבער די חרוב געוואָרענע סימבאָלן פון דער אַמעריקאַנער גרויסמאַכט - דעם "וועלט צענטער פון האַנדל" און דעם "פּענטאַגאָן". און געדאַכט האָט זיך, אַז מען קאָן הערן די לעצטע רופן און קרעכצן פון די טויזנטער פרויען און מענער וואָס די חורבות האָבן אויף אייביק צוגעדעקט. מענטשן האָבן געזען און וועלן עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן!

דאָס זענען נישט געווען קיין קינסטלעכע "אימאַזשן" אַרויסגערופענע דורך כישופמאַכערס פון דער הייִנטצייטיקער קינעמאַטאָגראַפיע. געווען זענען עס ביז גאָר רעאַלע בילדער, הגם אויסגעזען האָבן זיי אַזוי סורעאַליסטיש. און באַלד איז אויפגעקומען די נאַטירלעכע פראַגע: איז דאָס חלילה דער אָנהייב פון אַ נייער "לעצטער" מלחמה - פון אַ דריטער וועלט־מלחמה?

ביי מענטשן פון עלטערן דור האָבן זיך דערוועקט אַלטע איבערלעבונגען, ווי לעבעדיק האָבן געגעומען שוועבן פאַר די אויגן בילדער פון שלאַכטפעלדער, באָמבאַרדירונגען, פון געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון ימען בלוט און טרערן, און אין דער לופטן איז געהאָנגען דער שוידערלעכער מעמענטאָ - שוין ווידער?! און די ייִנגערע דורות האָבן מיט ציטער און אומרו גענומען קוקן אין דער צוקונפט וואָס האָט נעכטן אויסגעזען אַזוי ראָז און צוזאָגנדיק.

מיט רעכט האָבן פּאָליטיקער דערקלערט, אַז דעם 11־סעפּטעמבער 2001 איז די וועלט געוואָרן אַן אַנדערע. אָבער וואָס פאַראַ אַנדערע וייסן מיר נאָך נישט. לאָמיר האָפן, אַז דער אַלטער טרוים, דאָס אַלטע לידל "אָ, די וועלט וועט ווערן שענער", וועט פון דעסטוועגן נישט אויפהערן זיין אַקטועל. דערוויילע הענגט ווידער אין דער לופט דאָס שוידערלעכע וואָרט מלחמה...

## צום 100־סטן געבוירניאָר פון איציק מאַנגער



דערמאָנענדיק דעם גרויסן
דיכטער איציק מאַנגער צו
זיין 100־סטן געבוירניאָר
ברענגען מיר איינע פון
זיינע וווּנדער־מעשיות
וועגן נאָענטע געשטאַלטן
– "די גאָלדענע פּאַווע" און
צוויי באַלאַדעס, וואָס זענען
באַזונדערס כאַראַקטערי
סטיש פאַר זיין שאַפן.

## די גאָלדענע פּאַווע

דער שניידער־מייסטער שמואל בענדעט איז געשטאַנען ביים צושניידטיש, געצייכנט מיטן קריידל אויפן שטאָף, וואָס איז געלעגן פאַר אים אויסגעשפּרייט. אַלע ווײַלע זיך פאַרטראַכט, אָפּגעקלאַפּט די קרייד־סימנים פון פריער און געצייכנט פון דאָס ניי.

דער שניידער־מייסטער שמואל בענדעט ווייסט, אַז פאַר דעם גימנאַזיע־דירעקטאָר קאָטשינסקי דאַרף מען אויפּנייען אַזוינס און אַזעלכעס. אַ גוטער קונה איז ער, דער דאָזיקער משוגענער "דייטש", נאָר אַ מפונק, פאַרדרייט אַ קאָפּ, דוכט זיך, דער אַנצוג ליגט ווי אויסגעגאָסן און ער, דער "דייטש", טרעט נישט אָפּ פונם שפּיגל. ער הויבט די אַקסלען, זוכט, נישטערט און געפינט סוף כל סוף אַ חסרון.

איז וואָלט ער כאָטש געהאַט אַ נאָרמאַלע פיגור, דער "דייטש", איז דווקא ניין. איין אַקסל איז העכער, די פּלייצע רונד, אַ משונהדיקע פיגור. און דווקא ער איז דאָס דער מבין און וויל ס'זאָל זיין מיטן אַקוראַט. אַ פריציש זונדל, שטודירט אין פּאַריז, פון וואַנען עס קומען אַלע מאָדעס, ווייסט ער, וואָס ער וויל, און דער מייסטער שמואל בענדעט שטייט ביים צושניידטיש, קנייטשט דעם שטערן, מעסט מיטן סענטימעטער, צייכנט מיטן קריידל.

אין דרויסן איז אַ ליכטיק־זוניקער פאַר־פסח־טאָג. קינדער שפּילן זיך אין דרויסן. דעם שניידערט קינדער, דעם סטאָליערס קינדער, דעם שוסטערס קינדער, זיי שפּילן זיך און זינגען:

טרעטי, טרעטי, טרעטי,
וואָס די טרעטי זאָגט?
קומט אַ שיינער פויגל
און מאַכט אַ שיין געזאַנג.
האָט געזונגען, האָט געזונגען;
אין דריי יאָר אַרום
קערט זיך חנה אום.

די קינדער פונעם הויזווירט שטייען אויפן גאַניק און קוקן זיך צו צום שפּיל. זיי וואָלטן גערן אַראָפּגעלאָפן אין הויף און זיך אויך אַ שפּיל געטאָן מיט די אַנדערע קינדער, נאָר די מאַמע לאָזט זיי נישט שפּילן מיט די קינדער פונם שניידערוק און שוסטערוק.

די קינדער דרייען זיך אַרום דעם איינגעדאַרטן בוימל, וואָס שטייט אין הויף, אַ פאַרבלאָנדזשעטע פונם ווייטן וואַלד. די פרילינג־זון באַשיט עס מיט גאָלד, אַ פויגל טשוויטשערט אויף אַ צווייג און די קינדער זינגען:

אויפן הויכן באַרג,
אויפן גרינעם גראָז,
שטייען פיר דייטשן
מיט די לאַנגע בייטשן,
הויכע מאַנען זענען זיי,
קורצע קליידער גייען זיי...

דער שניידער־מייסטער שמואל בענדעט שטייט נאָך אַלץ מיטן סענטימעטער אויפן האַלז און מיטן קריידל אין דער האַנט. עס האַלט שוין אויף אַ דרך. די גרויסע שער האָט דערפילט, אַז אָט־אָט קומט די ריי אויף איר.

אַ צופרידענער האָט דער מייסטער אונטערגעברומט אַ לידל:

אָי, רבנו, טוראַם, טאַם, רבנו,
וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודה, אוי?
וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודה?
שור הבר מיט לויתן, שור הבר מיט לויתן,
שור הבר מיטן לויתן וועלן מיר עסן אויף דער סעודה, אוי!

דער שניידער־געזעלן לייבעלע בעקער איז געזעסן ביים ווערקטישל, אַ שווייגנדיקער, געוואָרפן מיט דער נאָדל, דער געזעלן נתן זאַק האָט געשטעפּט אויף דער מאַשין, דאָס לערן־ייִנגל האָט אין דרויסן צעבלאָזן דאָס פייער אין אַ פּרעסל.

אין צווייטן צימער האָט זיך צעוויינט דאָס קינד אין וויג. די שניידערקע איז אַרויסגעלאָפן פון דער קיך, אַריין אין דער צווייטער שטוב און גענומען פאָרוויגן דאָס קינד..

אַמאָל איז געווען אַ מעשה,
די מעשה איז גאָרנישט פריילעך.

די מעשה הויבט זיך אָנעט
מיט אַ יידישן מלך.
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד,
כ׳האָב אָנגעוווירן אַזאַ ליבע,
ווייַ איז מיר און ווינד.

דאָס קינד איז אַנטשלאָפן געוואָרן. די מייסטערקע איז צוריק אַוועק אין קיך צוגרייטן דעם מיטאָג.

דער לערניונג, אַ דאַרפישער בחור מיט קלייען אויפן פנים, האָט אַריינגעבראַכט דאָס פרעס־אייזן. נתן זאַק, אָדער ווי מען האָט אים גערופן "דער לאַנגער נתן", האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פרעס־טיש.

דער מייסטער, שמואל בענדעט, האָט גראָד פאַרענדיקט דאָס צושניידן דעם אַנצוג פאַרן גימנאַזיע־דירעקטאָר קאַטשינסקי, ווען דער "לאַנגער נתן" האָט פאַרטיק געמאַכט דעם ראָק צו דער צווייטער פראָבע פאַרן מיל־באַזיצער בערנאַרד ראָזנער.

דער מייסטער האָט אַ רוף געטאָן דעם לערניונג:

"יונה, נעם דאָס שטיקל אַרבעט און מירן גיין פראָבירן צום הערן ראָזנער".

דער לערניונג, וואָס איז איצט געזעסן אין ווינקל און "געריגעוועט" אַ לייוונט, האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט, אָנגעטאָן דעם קאַשקעט און איז אַוועק מיטן מייסטער.

קוים איז דער מייסטער אַרויס פון דער שטוב, האָט דער "לאַנגער נתן" גענומען דאָס וואָרט און זיך צעזונגען אויף אַ קול:

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע ימען,
לאָז־זשע גריסן, דו גאָלדענער פויגל,
מיין ליבע, מיין האַרציקע מאַמען.
איז געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבערן טייך דעם גלאַטן,
לאָז־זשע גריסן, דו גאָלדענער פויגל,
מיין ליבן, מיין האַרציקן טאַטן.

דער "לאַנגער נתן" האָט געזונגען און אַלעמאָל אַ קוק געטאָן צום צווייטן געזעלן לייבעלע בעקער, וואָס איז געזעסן אַ שוויַיגנדיקער ביים ווערקטישל און גענייט.

דער "לאַנגער נתן" ווייסט, וואָס דאָס שווייגן פון לייבעלע בעקער באַטייט. ער, דער פריילעכער שניידער־געזעלן לייבעלע בעקער, האָט לעצטנס איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע. דאָס שניידער־מיידעל עלקע, מיט וועלכע לייבעלע איז אַרומגעגאַנגען גאַנצע דריי יאָר, איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. לייבעלע האָט זי באמת ליב און איצט בענקט ער נאָך איר. אָפטמאָל שוויַיגט ער אַף גאַנצע טעג, ווי די וואַנט, און אָפטמאָל צעזינגט ער זיך, ווי אַ קאַנאַריק. די בענקשאַפט, וואָס נאָגט אים און לאָזט אים נישט שלאָפן דורך די נעכט, זינגט אַרויס פון אָט די דאָזיקע לידער. אמת, די לידער וואָס לייבעלע בעקער זינגט, קאָן דער "לאַנגער נתן" אויך זינגען און אַלע שניידער־יונגען פון דער גאַנצער שטאָט קענען זיי. אָבער אַזוי זינגען, מיט אַזויפיל האַרץ און נשמה, ווי לייבעלע בעקער, ווען מען מיידל עס איז אַוועק קיין אַמעריקע, קאָן קיינער נישט.

דער ״לאַנגער נתן״ האָט פאַרענדיקט דאָס ליד פון דער ״גאָלדענער פאַווע״ און לייבעלע בעקער האָט נאָך אַלץ געשוויגן.

דאָס, וואָס דער ״לאַנגער נתן״ האָט געוואָלט, איז אים נישט געראָטן. לייבעלע האָט נישט געזונגען.

דער ״לאַנגער נתן״ איז אָבער אַ כיטרער יונג. ער ווייסט, אַז די בענקשאַפט און די טרויעריקייט, וואָס נאָגט לייבעלעס נשמה, וועט נישט לאַנג אויסהאַלטן אין איר שווייגן. די דאָזיקע גרויסע בענקשאַפט מוז זיך צעזינגען.

דער ״לאַנגער נתן״ איז געשטאַנען ביים פרעס־טיש און זיך געגאָרגלט:

אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג,
אין שטיבעלע איז אַ פאַרע,
כ׳האָב אָפּגעלעבט מיינע יונגע יאָרן,
נאָר ווי אין אַ כמאַרע.

לייבעלע בעקער שוויגט. דער ״לאַנגער נתן״ זינגט ווייטער:

נאָר ווי אין אַ כמאַרע
זענען אַוועק מיינע יאָרן,
כ׳האָב געהאַט אַ טייערן דימענט
און האָב אים אָנגעווירן.

לייבעלע בעקער בויגט איין דעם קאָפּ. אַ טרער פינקלט אין זיינע אויגן. דער ״לאַנגער נתן״ פילט, אַז ער האָט געטראָפן אין פינטל. די טרער אין לייבעלעס אויג איז אַן אָנזאָג, און אָט...

דער בלייכער שניידער־געזעלן מיט די טרויעריקע אויגן זינגט. אין אָנהויב שטיל... שטיל...

איך האָב אים אָנגעווירן
און קאָן אים נישט געפינען,
שטייען שטייט ער מיר פאַר מיינע אויגן
און איך קאָן צו אים נישט קומען.

און בשעת מעשה זעט ער פאַר די אויגן דאָס שניידער־מיידל עלקע. אָט די, מיט וועלכער ער איז געגאַנגען גאַנצע דריי יאָר, און וואָס איז דעם ווינטער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

דער ״לאַנגער נתן״ האָט זיינס דערגרייכט. לייבעלע בעקער האָט געזונגען הויך און האַרציק איין ליד נאָכן צווייטן. אין יעדן ליד האָט זיך גערעדט וועגן אַ צעשטערטער ליבע, אין יעדן ליד האָט געפינקלט אַן אמתע טרער.

צוויי טייבעלעך זענען איבערן וואַסער געפלויגן,
אין די פיסקעלעך האָבן זיי זיך געקושט.
פאַרשאָלטן זאָל ווערן יענער מענטש,
וואָס האָט זיך אין אונזער ליבע אַריינגעמישט.

נישט צוויי טייבעלעך זענען איבערן וואַסער געפלוין, - טראַכט דער ״הויכער נתן״, - נאָר איינע, עלקע הייסט עס. און דאָס צווייטע איז געבליבן דאָ־הי, לייבעלע בעקער הייסט, און זינגט זיך די נשמה אויס.

אַזוי טראַכט דער ״לאַנגער נתן״ און ברומט שטילערהייט מיט. העלפט דעם

ליידנדיקן חבר זיינעם זינגען.

און אַז דו וועסט קומען אין אַ פרעמד לאַנד, ליובעניו,
מיינע רייד זאָלסטו געדענקען,
און אַז דו וועסט קומען איבער אַ וואַסער, ליובעניו,
זאָלסטו זיך נישט דערטרינקען.

די שניידערקע איז געשטאַנען אויף יענער זייט טיר און זיך צוגעהערט. זי האָט ליב צו הערן די דאָזיקע שיינע לידער, בפרט אַז דער שניידער-געזעלן לייבעלע בעקער זינגט זיי. זי האָט זיך געווישט מיטן פאַרטוך די אויגן.

און דו וועסט קומען אין אַ ווייטער שטאָט, ליובעניו,
מיינע רייד זאָלסטו באַקענען.
און אַז דו וועסט קומען איבער אַ פייער, ליובעניו,
פאַר צרות זאָלסטו דיך נישט פאַרברענען.

לייבעלע בעקער זינגט איין ליד נאָכן צווייטן. דער "לאַנגער נתן העלפט אים אונטער:

אַ פייערדיקע ליבע
טוט אין מיין האַרצן ברענען,
גאָט ווייסט, מיין טייער לעבן,
צי וועלן מיר זיך נעמען.

די שניידערקע, וואָס שטייט אויף יענער זייט טיר, דערמאָנט זיך די צייט, ווען זי האָט דאָס דאָזיקע ליד געזונגען. אַמאָל, אַמאָל אין די מיידלשע יאָרן. זי זעט איצט נאָכאַמאָל אויף קלאָר דאָס, וואָס די צייט האָט אָפּגעמעקט און וועט עס שוין קיינמאָל מער נישט אומקערן - איר ערשטע ליבע.

אָט זעט זי די שניידער-שטוב, ווו זי האָט אַמאָל געאַרבעט. אָט זיצט איר חברטע רויזע ביי דער מאַשין און זינגט:

דאָרט, אויפן בערגעלע, שטייט אַ ביימעלע,
דאָס ביימעלע איז שוין לאַנג איינגעבויגן,
דאָרטן שטייט מיין געטרייער חתן
מיט זיינע פאַרוויינטע אויגן.

און די רויטע ביילקע עטנפערט איר, ווי אַ ווייטע טרייסט:

מיינע עלטערן טוען מיך בעטן,
כ'זאָל שוין אָן דיר פאַרגעסן,
נישט איין וואַסערל וועט פאַרביילויפן,
אונדזער ליבע וועט קיינער נישט פאַרלעשן.

אַזוי דערמאָנט זיך די מייסטערקע אויף יענער זייט טיר, און זעט בשעת-מעשה די בילדער פון איר יוגנט. זי שטייט מיט פאַרלייגטע הענט אויפן האַרץ און מיט טרערן אין די אויגן. נאָר, אַז לייבעלע בעקער הויבט אָן זינגען דאָס ליד פון די פאַרשפּילטע יונגע יאָרן, וואָס זענען אַוועק אָן נחת און פרייד, לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ און אירע טרערן קושן די ערד.

←

איציק מאַנגער

# די באַלאַדע פון דעם ייד
# וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ

דער גראָער קאַיאַר שטייט באָרוועס אין הויף
און קלאַפּט אין דעם אָרעמסטן פענסטער אָן,

כאַפּט זיך אויף פונעם שלאָף דער אָרעמער ייד
און טוט די גראָע מלבושים אָן.

פאַרלייגט די טאַרבע אויפן אַקסל און נעמט
דעם גראָען שטעקן אין דער האַנט

און לאָזט זיך גיין מיט פאַמעלעכע טריט
מיטן גראָען שליאַך זאַלבאַנאַנד.

גייט ער און גייט און די גראָקייט ווערט
געדיכטער און ווי בליי אַזוי שווער;

ווערט טרויעריק דער אָרעמער, גראָער ייד,
אין זיינע אויגן פינקלט אַ טרער.

---

קערט זיך אום, יונגע יאָרן,
מיר וועלן אייך צונעמען -
זינגט לייבעלע, און דער "לאַנגער נתן" ענטפערט אים:
מיר וועלן זיך נישט אומקערן,
מיר וועלן זיך נישט אומקערן,
ס'איז נישטאָ צו וועמען.
און לייבעלעס קול בעט זיך, ממש אַ שטיין צו רירן:
קערט זיך אום, יונגע יאָרן,
טוט אונז נישט פאַרשעמען.
מיר וועלן זיך נישט אומקערן,
מיר וועלן זיך נישט אומקערן,
ס'איז נישטאָ צו וועמען.

די צוויי שניידער־יונגען זינגען. אויף יענער זייט טיר שטייט די מייסטער מיט פאַרלייגטע הענט אויפן האַרץ און ברומט נאָך יעדעס ליד, ווי אַ תפילה. ז דרויסן, אונטער דער פרילינג־זון, שפּילן זיך די קינדער. און אויף דער שוועל ( דער יידישער שניידער־שטוב שטייט די גאָלדענע פּאַווע.

אַ גרויסע טרער, וואָס קייקלט זיך שטיל
אַראָפּ אין זיין גראָער באָרד אַריין -

ווערט ליכטיק די גראָע באָרד פונעם ייד
פון איר דינעם, זילבערנעם שיין.

נאָר וואָס קלעקט דאָס זילבער פון אַ טרער?
אַ רגע און צוויי און נישטאָ זי מער.

שטעלט דער ייד זיך אַוועק ביי אַ גראָען בוים
און זאָגט אַ תפילה אויפן קול:

"רבונו של עולם! מעק די גראָקייט אָפּ
פון אַלע מיינע וועגן. און זאָל

מיין וואָגל און וואַנדער איבער דער וועלט
זיין כאָטש ליכטיק און אויפגעהעלט".

פאַרענדיקט די תפילה, ווערט דאָס האַרץ אים גרינג,
די תפילה - אַ בלאָער שמעטערלינג -

פלאַטערט פאַר אים - אַ פּינטל בלאָ
אין דער לאַנדשאַפט פון גראָ אין גראָ.

גייט ווייטער דער אָרעמער ייד און גייט,
זעט ער צווישן די וועגן שטייט

אַ גראָע אכסניה און אויף דער שוועל
אַ בלאָנדע פרוי אין אַ בלאָען קלייד.

ווערן די אויגן פון ייד דורשטיק און גרויס,
טרינקען זיינע אויגן די בלאָקייט אויס.

זאָגט די בלאָנדע פרוי: "גאָט העלף ר׳ ייד,
איר זענט אַוואַדע פון די וועגן מיד.

טאָ קומט אויף אַ ווייל צו אונז אַריין,
מיר האָבן גענוג אי ברויט אי וויין."

ער עפנט די טיר מיט מידע הענט,
אַ שטוב מיט בלאָ-געקאַלעכטע ווענט.

אין ווינקל זיצט דער באַלעבאָס פון הויז
און האַלט דאָס מיזיניקל אויפן שויס

און דערציילט אים פון בלאָען קיניגרייך
אַרומגעגאַרטלט מיט אַ בלאָען טייך.

הערט זיך איין דער ייד און ווערט פון בלאָקייט מיד.
און ווערט אַנטדרימלט - פון בלאָקייט מיד.

שפינט דער חלום אַ וועג - און דער וועג איז בלאָ,
דער שטעקן איז בלאָ און די טאָרבע איז בלאָ.

און דער פויגל, וואָס פליט פאַרביי, איז בלאָ
און דאָס פעלד און דער וואַלד און דער טייך איז בלאָ.

גאַפט דער שענקער און ס׳גאַפט זיין פרוי,
ווי ס׳שפּאַרט פון דעם ייד אַרויס דאָס בלוי

און פילט אָן דאָס צימער און שפּאַרט זיך אַרויס
און הילט איין מיט בלאָקייט דאָס גאַנצע הויז.

ווער וויינט? דו הערסט? אינדרויסן וויינט
דער גראָער וועג, ווי ס׳וויינט אַ קינד;

"פאַרוואָס האָט דער ייד מיך געלאָזט אַליין
אינדרויסן אויף הפקר מיטן ווינט?"

וועקט דער שענקער דעם ייד: "שטייט אויף, ר׳ ייד,
אינדרויסן וואַרט דער וועג אויף אייך."

שמייכלט אין חלום דער ייד: ער שטייט
ביים טויער פונ׳ם בלאָען קיניגרייך.

אָט עפנט ער אויף דעם טויער און זעט
אין טאָל די ערשטע דריי בלאָע שטעט.

גאַפט דער שענקער און ס׳גאַפט זיין פרוי,
ווי ס׳שפּאַרט פון דעם ייד אַרויס דאָס בלוי

און פילט אָן דאָס צימער און שפּאַרט זיך אַרויס
און הילט איין מיט בלאָקייט דאָס גאַנצע הויז.

און די בלאָקייט ווערט מורמל און שטאַמל און פלי,
פליסטער און רויש און געזאַנג פון נישט הי;

ווערט בלאַט און צווייג און שטאַם און בוים
וואָלקן און וואַלד און טרוים איבער טרוים.

און די בלאָקייט ווערט כוואַליע און טייך און ים,
אַנונג פון סוד און זיין הייליקער גראַם,

ווערט טראָט און טופּע און טאַנץ און פרייד,
ווערט פרייד איבער פרייד און אייביקייט.

ווערט פלימער און שימער און שטראַל און ליכט,
ווערט שאָטן, ווערט חומר און ווערט געזיכט.

גאַפט דער שענקער און ס׳גאַפט די פרוי,
ווי ס׳שפּאַרט פון דעם ייד אַרויס דאָס בלוי

און פילט אָן דאָס צימער און שפּאַרט זיך אַרויס
און הילט איין מיט בלאָקייט דאָס גאַנצע הויז

און — — — — — — —

## אליהו הנביא לייזט אויס דער מאַמעס סאַמעטן קלייד פונעם לאָמבאַרד

וואָס זינגען די גראָע פייגל
אויף אונזער אַרעמען דאַך?
ס׳שפּאַנט אַן אַלטער בעטלער
איבערן טונקעלן שליאַך,

דער בעטלער איז נישט קיין בעטלער
נאָר אליהו הנביא אַליין,
אַ פרומער שטערן פירט אים
און ווייזט אים ווו צו גיין.

ער, דער שטילער טרייסטער
פון אונזער אָרעמקייט,
האָט אויסגעלייזט פונעם לאָמבאַרד –
דער מאַמעס סאַמעט־קלייד.

די מאַמע האָט עס פאַר׳משכנ׳ט
פאַר אַ רייניש מיט אַ לאָך
און דאָ דאַרף זיין די הופּה
פון מיין שוועסטער איודע וואָך.

די מאַמע וויינט. און דער אַלטער
האָט איר געוויין דערהערט,
און שטיל, ווי ס׳איז זיין שטייגער,
זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר׳ערד.

איצט טראָגט ער אין אַ פּעקל
דער מאַמעס סאַמעט־קלייד,
ער - דער שטילער טרייסטער
פון אונזער אָרעמקייט.

דער פּעטער רב עליע התשבי,
אַ מחותן פון כלה׳ס צד,
וועט אונטערזאָגן דעם חתן
שטיל דעם ״הרי את״.

און דערנאָך לכבוד דעם פּאָרל
וועט ער טאַנצן מיט אַלע אין ראָד,
און צו דעם אָרעם מאָלצייט
פאַרבעטן די פייגל פון סאָד,

און מיט די פייגל אינייינעם
וועט ער זינגען זמירות ביים טיש,
אַ זמר מאַכט תמיד ליכטיק
די אַרגסטע פינצטערניש.

די מאַמע וועט שיינען פאַר נחת
אין איר סאַמעטן קלייד,
די נישט געקרוינטע מלכה
פון אונזער אָרעמקייט. -

דאָס זינגען די גראָע פייגל
אויף אונזער אָרעמען דאַך,
די טריט פון אליהו הנביא
לייכטן אויפן שליאַך...

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12027 Goshen Avnenu, Apt 7 • LA, CA 94009

Telephone: 310 820-2976 פאַרוואַלטונג ״חשבון״

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים, ישראל

# אויפֿן "דאַך פֿון דער וועלט"*

אויפֿן סאַמע "דאַך פֿון דער וועלט". אויפֿן העכסטן באַרג פֿון דער וועלט האָב איך זי געטראָפֿן. זי האָט זיך גרינג און פֿלינק באַוועגט צווישן די פֿעלדזן און אײַנגעזאַמלט אין אַ קרוג די ערשטע טויען פֿון באַגינען, דעם ערשטן טוי, וואָס האָט אַראָפּגענידערט פֿון די הייכן, איידער די זון האָט זיך איבערגעוועקט פֿון איר שלאָף.

די לופֿט איז געווען שיטער און דורכזיכטיק. נאָר אויסדערוויילטע פֿון די הימלען האָבן געקאָנט פֿריי עטעמען. איך אָבער, אַן איינזאַמער וואָגלער, אַ פּשוטער בשר־ודם, האָב זיך געראַנגלט פֿאַר יעדן טראָפּן לופֿט וואָס ס'איז מיר געראָטן אַרײַנצוכאַפּן מיטן אויפֿגעריסענעם מויל. דעריבער איז מיר געווען שווער צו קלעטערן, צו שטיין, צו גיין, צו זיצן. נאָך יעדע פּאָר טריט זיך געמוזט פֿאַרהאַלטן און צווישן די פֿעלדזנשפּאַלטן זוכן אַן אָרט אויף אָפּדעכען אַ ביסל.

ניט איך האָב זי באַמערקט, נאָר זי האָט מיך באַמערקט. זי איז מיר אַנטקעגנגעקומען, זי, וואָס האָט זיך אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט, וואָס האָט זיך אויסגעטאָן פֿון אַלע ערדישע פֿאַרגעניגנס און געקומען פֿראַווען התבודדות אויף אַן אָרט ווו עס שוועבט דער געטלעכער גייסט.

ווי אויף פֿליגלען האָט עס זי געטראָגן. אירע פֿיס האָבן קוים אָנגערירט דעם קאַלטן שטיינערנעם באָדן פֿון באַרג. זי האָט פֿאַרשאַרט דעם שאַל פֿון איר געזיכט און מיך באַשאָנקען מיט אַ ליכטיקן שמייכל. דער שמייכל אירער איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַזוי פּשוט, ווי זי וואָלט יעדן טאָג באַגעגנט אַן אומבאַקאַנטן בלאָנדזשענדיקן קלעטערער, וואָס ווערט גערודפֿט און געפּייניקט פֿון וויסטע חלומות און קאָשמאַרן. די קאָשמאַרן יאָגן זיך נאָך אים און דערגרייכן אים ווו ער זאָל זיך ניט געפֿינען.

איר באַווײַזן זיך איז געווען אַזוי ניט רעאַל, אַזוי ניט צום גלייבן, אַז כ'האָב פֿאַרלוירן דאָס לשון, געבליבן פֿאַרגליווערט ווי אַ שטיין - אַ שטיין צווישן אַלע שטיינער אַרום מיר.

זי האָט זיך געמאַכט ווי גלייך זי זעט ניט מײַן שטוינונג, אַוועקגעשטעלט דעם קרוג אין אַ זײַט און אָנגענומען מײַן האַנט, ווי עס טרעפֿט זיך אַז צוויי פֿרײַנד באַגעגענען זיך נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג.

די וואַרעמקייט פֿון איר האַנט האָט אויפֿגעטייעט מײַנע גלידער. נאָך לאַנגע, לאַנגע חדשים האָב איך דערפֿילט ווי עפּעס האָט אין מיר אויפֿגעלעבט.

זי האָט מײַן האַנט ניט באַפֿרײַט און גענומען שפּרייזן. איך האָב זיך געלאָזט פֿירן, כ'בין איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ געהאָרכיק קינד. ס'איז מיר געווען גוט וואָס איך האָב אַן אָנשפּאַר, וואָס כ'בין געשיצט און באַוואָרנט. די מורא, דער שטענדיקער פּחד, אַז כ'וועל זיך אויסגליטשן, אומפֿאַלן און בלײַבן הענגען אויף אַ האָר צווישן באַרג און תהום - אָט דער פּחד האָט מיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט.

זי האָט מיך אַרײַנגעפֿירט דורך אַ נידעריקער עפֿענונג אין אַ באַרג־אויסהוילעניש ווו זי פֿלעגט זיך מתיחד זײַן און דינען איר גאָט מיט תּפֿילות, תּעניתים און לאַנג־שעהדיקע מעדיטאַציעס. די לופֿט איז דאָ געווען בלוי, און בלוי איז אויך געווען דאָס רייכל וואָס

* פֿונעם נײַ־דערשינענעם בוך "ביים ראַנד פֿון חלום".

האָט זיך געהויבן פון די געפּרעגלטע קרייטעכצער און בשמים אויף אַ קופּערנער פּאַן. אונטער דער פּאַן האָט געברענט אַ קליין פייערל. עס האָט זיך געדאַכט אַז אָט־אָט פּאַרלעשט עס זיך, אָבער נייע שפּענדלעך, נייע הויפנס טרוקן גראָז האָבן עס דערמינטערט און דאָס פלעמל האָט זיך אַ הייב געטאָן מיט אַ באַנייטער קראַפט.

דער ריח וואָס די קרייטעכצער האָבן פאַרשפּרייט איז אויך געווען בלוי, אָבער אַנדערש ווי די לופט און דער רויך. אָט דער רויך האָט אַרומגעקרייזט אַרום מיין קאָפּ און איז אין מיר אַריינגעדרונגען. מיין קאָפּ האָט זיך צעוויגט. עס האָט מיר געשווינדלט פאַר די אויגן. כ'האָב זיך געפילט ווי אַ שיכור וואָס האָט געכאַפּט אַן איבעריקן טרונק.

זי האָט מיך פאַרבעטן זיצן אויף אַן אויסגעשפּרייטן דיוואַן. זי האָט מיך קיין סך ניט געדאַרפט בעטן. די פיס זענען מיר לויז געוואָרן. דאָס האַרץ האָט אין מיר געכוואַליעט, זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, ווי ניט קיין האַרץ וואָלט דאָס געווען, נאָר אַ געפאַנגענע טויב.

פון דער נאָענט האָט זי אויסגעזען אַ סך יינגער ווי כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט. איר שוואַרצער האָרגעפלעכט איז געווען באַדעקט מיט אַ טיול. אַ טיולענער שאַל האָט אויך אַרומגענומען איר דינעם גוף. דאָס פּנים און די הענט אירע האָבן געהאַט דעם קאָליר פון טונקעלן האָניק געמישט מיט מילך. די אויגן אירע - מילד און פייכט, ווי ביי אַן ערשט געבוירן שעפעלע.

זי האָט צו מיר גערעדט אויף אַן אומבאַקאַנט לשון, נאָר כ'האָב אַלץ פאַרשטאַנען. זי האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיק פון אַ געבעקס און מיר צוגעטראָגן אַ שעפּל מילך. דאָס געבעקס האָט געהאַט טויזנט טעמען און די מילך - אַ גן־עדן־געטראַנק.

זי האָט גערעדט און איך האָב געשוויגן. דאָס שווייגן איז געווען מיין שפּראַך, די איינציקע שפּראַך מיט וועלכער כ'האָב זיך געקאָנט באַניצן הערנדיק איר צעזונגען קול. זי האָט מיך גערופן "ברודערל" און מיין טריבן בליק אַדורכגעשטראַלט מיט אירע אויגן.

די צייט האָט זיך ווי ניט גערירט. כ'האָב ניט געשפּירט ווי די זון האָט זיך דערקייקלט צום זעניט. כ'האָב דערהערט דאָס מעקען פון אַ ציג און כ'האָב זיך אויפגעהויבן פון דיוואַן, אויסגעגלייכט דעם רוקן. אויך זי האָט זיך אויפגעשטעלט. מיר האָבן זיך איינער פאַרן אַנדערן געבוקט און ניט אויפגעהערט זיך בוקן.

איידער איך האָב פאַרלאָזט איר שטיינערן געצעלט האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן און פון אַ טונקלען ווינקל אַרויסגעצויגן אַ געוויקס. זי האָט מיר דערלאַנגט דאָס געוויקס און געזאָגט:

– זאָל מיין ברודערל דאָס נעמען מיט זיך. זאָל מיין ברודערל דאָס געוויקס היטן און פלעגן. דאָס וועט אים זיין אַ חבר און אַ פריינד. אין די שווערסטע מינוטן וועט עס אים אונטערהאַלטן.

זי האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון געוויקס. דער נאָמען איז געווען צו לאַנג און קאָמפּליצירט, האָב איך אים ניט אויפגעכאַפּט און ניט פאַרגעדענקט.

ביזן היינטיקן טאָג הייסט עס ביי מיר "דאָס געוויקס", פונקט ווי זי רוף איך אין מיין געדאַנק "זי", כאָטש זי האָט געהאַט אַ נאָמען און מן־הסתם דעם נאָמען מיר געזאָגט ביי יענער ערשטער און לעצטער באַגעגעניש. אויך איר נאָמען האָט זיך מיר ניט פאַרקריצט אין זכרון.

* * *

צוריקגעקומען בין איך אין מיין פֿאַרחושכט צימערל נאָך דעם לאַנגן וואָגלעניש און יאָגעניש פֿון לאַנד און לענדער, פֿון מידבר צו מידבר, פֿון דער הייך צו דער נידער, פֿון טראָפּישע היצן צו שניי־אייזיקן גליוועַר, פֿון אַ שוואַרצהויטיקן מכשף וואָס פֿאַרטרייבט שדים און רוחות, ביז אַ בעל־מופֿת האָט מיך אָנגעפּויעט מיט השתנה פֿון אַן אייזל און געגעבן מיר צו קײַען צעמאָלענע ציינער פֿון גיפֿטיקע שלאַנגען. קיינער פֿון זיי האָט מיך ניט אויסגעהיילט פֿון מיין אײַנגעזעסענער און אײַנגעגעסענער מרה־שחורה.

מיטן זעלבן אומעט וואָס איז מיט מיר מיטגעגאַנגען אין דער וועלט אַריין בין איך צוריקגעקומען. כ'בין שוין אָבער ניט געווען אַליין. לעבן מיין אָרעם בעטל איז געשטאַנקען דאָס געוויקס, דער אײַנציקער שטומער עדות אַז כ'האָב טאַקע אויף אַן אמתן באַגעגנט אַן ערדיש־ניט־ערדישע יונגפֿרוי, וואָס איר געזיכט און איר לייב זענען געווען ווי האָניק און מילך.

מיטן געוויקס איז דאָס צימער מער ניט געווען אַזוי פּוסט, אַזוי אָפּגעלאָזן. איך האָב ניט געוווּסט וואָס מען טוט מיט דעם און וואָס מען דאַרף טאָן, ווי מען רעדט צו אַזאַ וואָס קען דיר ניט ענטפֿערן מיט ווערטער, וואָס באַוועגט זיך ניט, וואָס איז ניט מסוגל צו טומלען, צו רעשן, נאָר שטיל זיך הייבן און נאָך שטילער אַרויסלאָזן אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל.

אין דער ערשטער צייט האָט דאָס געוויקס ניט געהאַט קיין באַשטימטן קאָליר, געווען מער גרוי ווי גרין, אַ ביסל האָריק, אַ ביסל שטיף. די שטייפֿקייט האָט נאָכגעלאָזט ווי נאָר כ'האָב עס אָנגערירט, אַ גלעט געטאָן. פֿונעם גלעטן האָבן זיך זיינע האָריקע בלעטער פֿאַרוויכט. טייל מאָל האָבן די בלעטער אין זייער רונדיקייט אויסגעזען ווי אויערן, אויערן וואָס הערן, פֿאַרשטייען און ווילן מיט עפּעס העלפֿן. אַן אַנדערש מאָל - ווי געשפּאָלטן זיך אויף צווייען און געהאַט דעם אָנבליק פֿון מיילער, מיילער וואָס מוטיקן און טרייסטן. אָפּטער האָב איך אין זיי געזען אויגן - יעדער בלאַט אַן אויג. אויגן וואָס קוקן אויף מיר מיטן גלאַנץ פֿון יענע בליקן וואָס שטאַמען פֿון יענעם באַרגשפּיץ, בליקן וואָס האָבן זיך ניט אויסגעוועפּט אין מיין געדעכעניש און זענען בכוח צו דערפֿרישן און דערקוויקן.

אויף די קאָלירן האָבן זיך ביי מיין געוויקס געביטן. געזען אַז זיין רויט לאָזט מיך קאַלט, איז די רויטקייט געוואָרן ראָז אָדער געל. פֿון אַזעלכע קאָליר־בייטענישן האָט זיך דאָס צימערל אָנגעפֿילט טייל מאָל מיט אַ שטיל געלעכטער. דעמאָלט האָבן זיך די בלעטער צעפֿאָכעט אין אַלע זייטן מיט אַ צופֿרידענעם גערויש. איך האָב אַפֿילו ניט געפֿילט אַז דאָס געלעכטער קומט פֿון מיר. אין משך פֿון יאָרן האָב איך זיך אָפּגעוווינט פֿון לאַכן. כ'האָב שוין ניט געדענקט דעם טעם דערפֿון.

מער פֿון אַלץ האָב איך ליב געהאַט ווען דאָס געוויקס האָט אויף זיך אַרויפֿגעצויגן אַ בלוי מענטעלע. די בלויקייט האָט פֿאַרשלייערט די נאַקעטע ווענט. זי האָט פֿאַרצויגן איבער מיר אַ בלויען הימל. אויף דער וואָר און אין דרימל האָב איך געזען ווי עס ציען זיך, ווי עס שטרעקן זיך צו מיר אַ פּאָר הענט. כ'האָב זיי געוואָלט אָנכאַפּן, אָנטאַפּן, כ'האָב זיי געוואָלט צודריקן, צוטוליען צו מיין פֿאַרפּלאָמט פּנים, נאָר די הענט זענען זיך צעגאַנגען, ניט געוואָרן, ווי אייז אונטער די שטראַלן פֿון דער זון---

--ווען מיין גוף וועט זיך אויפֿלייזן און שטייגן צו די שטערן, וועט נאָך אַלץ מיין נשמה שטרעבן צו יענעם העכסטן באַרג. מיין נשמה וועט זיך פּייניקן און פּלאָגן ביז זי וועט אין איינעם פֿון די פֿאַרטאָגן אָנקומען צו יענעם מקום, צו יענעם פֿייערל, צו די ←

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן/ ניו־יאָרק

# קאַליפאָרניער פייסאַזשן

## I

סע רעגנט
אויף גלאַנציקע שטיינדלעך
קאַפּעט, קאַפּעט,
דער הימל
גראָ פאַרקאָוועט
שוין אויף תמיד,
זיפט אַדורך זיך
ווי אַ רעגנטראָפּן
דער נעכטן.
זילבער גראָע רגעס
צעהאַנגענע אָן צווייגן,
אָן וואָרצלען אין נישט.
צי וועט אַ געשעעניש
צעבליצן דעם טאָג?
אַ ראָזעווע שמייכל
דורכזונען די כמאַרעס?
אַלטע בילדער
פון פאַרלייגטע פלאַסטן
צעגרינען די הייכן,
ווי קינדישע פאַיאַצלעך
צעשפּילן זיך זכרונות.
אויף אַ בלייכער קאַנווע
זיך אַוועקגעלייגט די שעה,
אַ רעגן אויף היגער ערד
און ווי פילקאָלירִיק
סע שפּיגלען זיך בנינים!

## II

# אַ ווינקל גאַנצקייט

פנימער, אויגן
צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך, באַגעגנט
און ווי נאָענט און קענטלעך
דער אַרום.
איז עס נישט דער יונגער נעכטן
וואָס ער קערט זיך אום?
ווי אַלץ וואָס דער מבול פאַרשלונגען
איז נישט באמת אַנטרונען,
נאָר פאַראייביקט געבליבן
אין אַ כישוף־גלאָז,
נאָר דו ביסט נישט וואָס געווען,
ווער וואָלט דיך דערקענט
פון די וואָס אַ מאָל דיך געקענט?
זיי אָבער זענען פריש
און גאַנץ -אין גאַנצן זיי.
איז ניחא מיר און גוט
אַז דאָ אויף דעם אָרט,
אין דער אַנבערגיקער שטאָט,
האַלט זיך אויף אַ ווינקל
גאַנצקייט,
און דו קענסט זיך אין זיי
דערקענען.

קרייטעכצער און בשמים, באַהעפטן זיך מיט זיי, אויסמישן זיך מיט זיי און אויפגיין ווי אַ בלויער רויך צו די הימל־בלויקייטן אַ געלייטערטע, אַ ריינע פון יעדער ערדישער פּיין, פון יעדער ערדישער זינד, און זיך אפשר פאַרוואַנדלען אין אַ נייער נשמה, וואָס וועט גרייט זיין צו אַ נייעם באַשאַף.

משה שקליאַר

# דאָס לעצטע בוך פון דיכטער חיים שוואַרץ



נישט אָפט טרעפט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, אַז קינדער זאָלן זיך פאַרנעמען מיט און אָפּהיטן די ליטעראַרישע ירושה פון זייער טאַטן אָדער מאַמען, און אָנשטאָט - אין בעסטן פאַל - אַוועקשענקען די איבערגעבליבענע ביכער אָדער כתב־ידן אין אַ ביבליאָטעק אָדער שיקן זיי קיין אַמהערסט אין דער יידישער ביכער־צענטראַלע, זאָלן זיי גאָר צונויפזאַמלען מיט פּיעטעט די פאַרבליבענע ליטעראַרישע ירושה און אַרויסגעבן זי אין אַ בוך אַזוי, אַז דער אָנדענק פון זייערע עלטערן זאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

חיים שוואַרץ האָט אין דעם זין געהאַט מזל. זיינע קינדער אהרן און שיינדל האָבן אַריינגעלייגט אַ סך מי און מיטלען, אַז חיימס לידער, נישט פאַרעפנטלעכטע אין בוך־פאָרעם פאַר זיין לעבן, זאָלן דערשיינען נאָך זיין אָפּשיידן זיך פון אונדז. דער זון, אהרן שוואַרץ, האָט שוין ליידער אויך נישט דערלעבט צו זען פאַרעפנטלעכט דעם טאַטנס לעצט ווערק. דאַרף מען אים דערמאָנען צום גוטן.

און אַזוי האָט זיך באַקומען אַ בוך, אין וועלכן עס זענען איינגעזאַמלט חיים שוואַרצס לעצטע לידער* אַרויסגעגעבן איז דאָס בוך עסטעטיש, שיין, ווי חיים שוואַרץ האָט זיך עס פאַרדינט מיט זיין לאַנגיאָריקער איבערגעגעבנער מי פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור ווי אַ שרייבער און בויער. מיט צוגעגרייטן דאָס בוך האָט זיך פאַרנומען קעטלין ראָז, אַ דאָקטאָראַנטין פון וואַשינגטאָנער אוניווערסיטעט; אַן אויספירלעכן עסיי וועגן חיימס לעבן און שאַפן האָט אָנגעשריבן ד"ר משעה וואָלף, וועלכער האָט אויך געהאָלפן צונויפזאַמלען דעם מאַטעריאַל, און צוגעלייגט אַ האַנט האָט אויך חיימס אַלטער גוטער פריינד, דער באַוווסטער שרייבער און קולטור־טוער איטשע גאָלדבערג. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן די מאַטעריעלע הילף פון דער יאַבלאָן קולטור־פונדאַציע. אין בוך איז אויך פאַראַן אַ גלאָסאַר - פאַרטייטשונגען פון די העברעישע ווערטער, און חיים שוואַרצס אַ גרעסערער עסיי א.ג. "מיין קרעדאָ אין דער פּאָעזיע".

איז אוודאי כדאי צו ציטירן פון דעם עטלעכע שורות, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש

---

*) חיים שוואַרץ: "ווען איך גיי פון אייך", אַנאַהיים, קאַל. 1998.

פאַר חיימס גאַנצן שאַפן: "אַ ליד - שרייבט חיים שוואַרץ - איז אַ פּערזענלעכער דאָקומענט פונעם פּאָעט צו זיינע מיטמענטשן. עס קאָן אויך באַטראַכט ווערן ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט, אַ פּאָליטישער, אַ סאָציאַלער אָדער קולטורעלער, ווייל דער דיכטער איז אַ סאָציאַלער וועזן, פאַרבונדן מיט זיין סביבה און אויף איין אופן אָדער אַ צווייטן איז ער דאָך אַ טייל פון זיין צייט, און באַוווסטזיניק צי נישט, דירעקט צי נישט, שפּיגלט ער אָפּ דאָס לעבן און די באַגריפן פון זיין צייט".

חיים שוואַרץ איז טאַקע געווען אַ טייל פון זיין צייט און ער האָט נישט געפּרוווט פון דער צייט אַנטלויפן, ער האָט זי געטריי פאַרשפּיגלט אין זיין גאַנצן שאַפן פון אָנהייב ביזן סוף. און ער איז ביזן סוף געטריי געבליבן דעם דעוויז, אַז דער דיכטער איז אַ "סאָציאַלער וועזן", פון זיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור געפינט ער זיך אונטערן איינפלוס פון די יידישע רעוואָלוציאָנערע ליריקער עדעלשטאַט, באָווישאָווער און אַנדערע, און אָט דעם איינפלוס פילט מען אין זיין גאַנצער שאַפונג. איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס שוין אינעם ערשטן ליד מיט וועלכן עס עפנט זיך דאָס לעצטע בוך פון דיכטער חיים שוואַרץ, איבערגעדרוקט פון "יידישע קולטור" 1987, געפינען מיר די כאַראַקטעריסטישע שורות, וואָס דערמאָנען אַ גוט באַקאַנט ליד פון דוד עדעלשטאַט:

"אָ קלאַפּ נאָך ניט
אין טיר מיינער מיט דיינע פינגער;
דו זעסט ס'גייט אויף
אַ ליד היינט אינעם האַרץ פון זינגער".

נישט לאַנג איז נאָך באַשערט געווען חיים שוואַרצן צו זינגען די אויפגייענדיקע אין זיין האַרצן לידער. בלויז עטלעכע יאָר. דערפאַר אָבער האָט די יידישע ליטעראַטור באַקומען נאָך איין ווערטפול בוך פונעם דיכטער. און אָט דאָס בוך גיט אונדז אַ געלעגנהייט צו דערמאָנען דעם גאַנצן שאַפערישן וועג פון חיים שוואַרץ.

ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע פון זיין ווייסרוסישן שטעטל בערעזין, וואָס ער וועט שפּעטער באַזינגען אין פּילצאָליקע לידער זיינע, ווייל דאָרט האָט זיך אויסגעפאָרמירט זיין געשטאַלט ווי אַ דיכטער און מענטש, ווי אַ דיכטער און קעמפער; ווייל דאָרט האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די אַלט-יידישע ווערטן ביים רבין אין חדר און אין דער טראַדיציאָנעל יידישער היים, ווו די מאַמע, די יידישע מאַמע, האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע ביים דערציען די קינדער; ווייל דאָרט האָט ער זיך פאַרחברט מיט דער נאַטור וואָס האָט געלאָזט טיפע שפּורן אין זיין דיכטעריש האַרץ און נשמה - הכלל, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע צום טאַטן, וועלכער האָט פריער געהאַט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און די משפחה און זיך באַזעצט אין סענט-לואיס, איז שוין דאָ געווען אַ ברייט אַנטוויקלט יידיש קולטור-לעבן מיט גרופּן און גופּקעלעך וואָס האָבן זיך געראַנגלט צווישן זיך, געקעמפט מיט איינאַנדער נישט נאָר אין פעלד פון פּאָליטיק, נאָר אויך אין דער יידישער ליטעראַטור.

עס איז געווען אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, נאָר וואָס איז געהאַט אויפגעקומען די ליטעראַרישע גרופּע אינזיכיסטן וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דעם זשורנאַל "אין זיך", און זיי האָבן דערקלערט אַ קאַמף קעגן די "יונגע", זיי ווידער, די יונגע, וואָס האָבן אָנגעהויבן ווירקן אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור נאָך פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָבן געהאַט דערקלערט אַ קאַמף קעגן די "זיידעס", די גרונטלייגער פון

דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליריק מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער, און דער סענטימענטאַליטעט פון מאָריס ראָזענפעלד, אברהם רייזן, דוד איינהאָרן און א"אַנד. טיילווייז איז אָט דער קאַמף געווען אויך אַן אָפּשפּיגלונג פון אַן אַנדערן, אַ פּאָליטישן קאַמף, צווישן "פאָרווערטס" און דער "פרייהייט", שפּעטער "מאָרגן פרייהייט", וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פונעם גרעאַנגל פאַר העגעמאָניע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אין יענער צייט איר גרויסן אויפשטייג.

חיים שוואַרץ, וועלכער איז, ווי דערמאָנט, געקומען קיין אַמעריקע אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, איז אַריינגעפאַלן אין סאַמע מיטן פונעם קאָכיקן קעסל פון דער היגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און די ליטעראַרישע וויכוחים. שטאַרק באָווירקט פון זיין עלטערן ברודער משה, וועמען ער וועט שפּעטער ווידמען אַ רירנדיקע פּאָעמע און דערמאָנען אין אַ צאָל אַנדערע לידער; דעם ברודער, וועלכער איז געווען אַ רויטאַרמייער און איז בעתן בירגער־קריג אין רוסלאַנד געפאַלן אין גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט דורך די "ווייסע", און שפּעטער דורך סיביר אַנטלאָפן קיין כינע, דערשלאָגנדיק זיך לסוף קיין מעקסיקע, שליסט זיך אָן חיים שוואַרץ אין דער "פּראָגרעסיווער" באַוועגונג. אַרבעטנדיק שווער, צוערשט אין מעקסיקע – צוזאַמען מיט זיין ברודער – און שפּעטער אין סענט־לואיס, וווהין דער טאַטע האָט אַריבערגענומען די משפּחה, הייבט אָן חיים שוואַרץ פאַרעפנטלעכן זיינע לידער אין דער "מאָרגן פרייהייט", און מיט איר – דער "מאָרגן פרייהייט" און שפּעטער מיט דער "איקוף"־באַוועגונג, איז ער פאַרבונדן ביזן סוף פון זיין לעבן. אין 1944 האָט חיים שוואַרץ זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס, דאָ שווער געאַרבעט, אַרויספּאָרנדיק פון זיין הויז יעדן פאַרטאָג מיט זיין "טראָק" און כלים כדי הענגען טאַפּעטן אויף ווענט פון אַלטע און נייע הייזער, כדי מפרנס זיין די פרוי רות און די צוויי קינדער, אהרן און שיינדל.

אָט ווי ער שרייבט וועגן יענער צייט אין זיין ליד "דער שפּאַלירער־דיכטער"

"עס האָט די זון אַריינגעגאָלדיקט דורך די שויבן
און מיינע טרוימענדיקע ברעמען אויפגעריסן,
דערהערט האָבן איך צוויי נאָענט וואָרקענדיקע טויבן
דעם יונגן מאָרגן שלומדיק באַגריסן.

דער פרישער אָנבייס וואַרט געדולדיק אויפן טיש שוין
און ס'ווינקט געטריי דער "מיטאָג" אין פּאַפּירן־זעקל –
פאַרלאָז איך אַלע נאַכט־חלומות אויפן קישן
און נעם זיך צו דעם וואָכעדיקן פּעקל.

כ'לאָד אָן מכשירים אין מיין קרעכצנדיקן אויטאָ:
דעם קליי־טיש און די פּיסלעך, דעם לייטער און דעם עמער,
עס האָפט דאָס האַרץ דער אַרבעט־טאָג זאָל זיין געראָטן,
אַ פּאָר געזונט באַגלייט מיך, ווי א זמר."

דאָס איז אַ ליד פונעם בוך "אין שיין פון באַגינען", וואָס איז דערשינען ביים "איקוף"־פאַרלאַג אין יאָר 1968. דאָס יאָר איז דאָ זייער וויכטיק, עס איז נאָך דער זעקס

טאָגיקער מלחמה און דעם נצחון פון מדינת ישראל איבער די אַראַבישע שונאים, עס איז שוין לאַנג נאָך די אַנטפּלעקונגען וועגן די פאַרברעכנס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און דער טאָן פון חיים שוואַרצס ליד איז אַן אַנדערער, ווי פריער. שוין מער נישט קיין דעקלאַראַטיוו־קאָמפּערישער, ווי אין זיינע פריערדיקע ביכער, נאָר גיכער אַן אידילישער, הגם די טעמע איז די זעלבע - שווערע פראַצע. דאָ געפינען מיר שוין אַזעלכע בילדער, וואָס פריער וואָלטן זיי אפשר געווען טאַבו, נישט דערלויבט אין דער סביבה פונעם דיכטער: "איך נעם אַראָפּ - שרייבט ער - דעם ווייסן אַרבעט־אוניפאָרם / ווי נאָכן תפילה טאָן מיין טאַטע פלעגט דעם תלית, / ס'האָט אויסגעברענט מיין טאָג היינט ווי אַ מדבר־דאָרן, / נאָר אויפגעשטעלט האָב איך אַ װענטל קעגן דלות".

אָט די פאַרגלייכן מיטן טאַטנס תלית און דעם מדבר־דאָרן מאַכן קרעפטיקער דאָס ליד און אינטימער פאַרן לייענער. אַזוי אויך דער לעצטער, אָפּשליסנדיקער פערז, וואָס רופט זיך איבער טיילווייז מיט דוד עדלשטאַטס ליריק, אָבער אין אויסגעפיינערטן, געשליפענעם יידיש.

"און ביז דער שלאָף נעמט רייטן איבער מיינע ברעמען,
עס זינגט אַראָפּ שוין פון פאַפיר מיין טאָג מיין אויפגעריכטער.
עס שאַלט אַריין אין נאַכט דאָס אומרויקע קלעמען,
דאָס וואַכע ליד פון דעם שפּאַלירער־דיכטער".

אגב, די לעצטע צוויי ווערטער: "דער שפּאַלירער דיכטער" זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די פּראָפעסיעס פון יידישע דיכטערס, פון יידישע שרייבערס. נישט בלויז שפּאַלירערס זענען זיי געווען. זייער אָרט איז נישט געווען דאָרט "ווו מירטן־ביימער בליען", נאָר מערסנטס איז עס געווען אין סוועט־שאָפּ. (אַ שקלאַף בין איך ביי די מאַשינען...) ערשט אין די שפּעטערע יאָרן, מיט דער אַנטוויקלונג פון יידישע שולן, זענען טייל יידישע שרייבערס געוואָרן לערערס, און אַנדערע, הגם נישט גערן, האָבן געפונען אַן אָרט אין דער יידישער פרעסע ווי זשורנאַליסטן, הגם אין אַלגעמיין האָבן דיכטער זיך באַמיט אויסצומיידן צייטונג־אַרבעט וואָס האָט פאַרשלונגען דעם פּאָעטס צייט און טאַלאַנט.

* * *

דאָס ערשטע לידער־בוך האָט חיים שוואַרץ אַרויסגעגעבן אין יאָר 1928 אין סענט־לואיס און, ווי עס פּאַסט פאַר אַן ערשטלינג־בוך, האָט ער עס אָנגערופן "ערשטע בליטן", דאָס מיינט ערשטע בליונגען. און ווי עס פּאַסט פאַר ערשטע בליטן זענען דאָ פאַראַן צאַרטע לירישע לידער פון אַ יונגן דיכטער, וועלכער שטעלט די ערשטע טריט אינעם הייליקן פעלד פון פּאָעזיע און פאַר וועלכע עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער צוויי פערזיקער מאָטאָ, וואָס עפנט דאָס בוך:

"עס האָט זיך פאַרבענקט מיין נשמה נאָך קלאַנגען,
נאָך ליכטיקע, זוניקע קלאַנגען;
איך וואַנדער אויף וועגן אין גרויקייט פאַרהילטע
פון ברענענדער בענקשאַפט געפאַנגען.

איך הער פון די שטורמישע ווינטן דאָס פייפן,
איך הער פון די ברויזנדע כוואַליעס דאָס גרילן,

און אומעטום טראָגן זיך פֿויגל־געזאַנגען –
דאָך קען איך מײַן בענקשאַפֿט נאָך קלאַנגען נישט שטילן.״

אָט אַזוי וועט ער שוין וואַנדערן זײַן גאַנץ לעבן, דער דיכטער, מיט אָנגעשפּיצטן אויער צו קלאַנגען, וואָס קומען נישט בלויז פֿון וואַלד און פֿעלד, פֿון די ברויזנדיקע ים־כוואַליעס, נאָר אויך פֿון די ברויזנדיקע לעבנס־כוואַליעס, פֿון די טיפֿעניש פֿון מענטשלעכן געראַנגל פֿאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט, אָט אַזוי ווי עס האָבן עס געטאָן זײַנע פֿאָרגייער, די רעוואָלוציאָנערע ליריקער, אין וועמענס שאַפֿונג זײַנע ערשטע לידער דערמאָנען אַזוי שטאַרק סײַ אין אינהאַלט און סײַ אין פֿאָרעם.

דער ערשטער טייל פֿונעם בוך רופֿט זיך ״זון און רעגן״. האָבן מיר טאַקע דאָ אַ צאָל רירנדיקע נאַטור־בילדער, געמאָלן מיט אַ זיכערער האַנט, לידער וועגן סוף ווינטער, פֿרילינג און זומער, וועגן אַ ביימעלע אין האַרבסט, אַ זומער־נאַכט אד״גל. מיטן אויג פֿון אַ דיכטער־מאָלער זעט ער, ווי ״זומער פֿאַרגייט שוין / און ס׳גאָלדן זיך בלעטער אויף צווייגן פֿאַרבענקטע / און פֿאַלן, און פֿאַלן / ווי גאָלדענע טרערן / פֿון ביימער אַראָפּ.״

אין זעלבן סטיל זענען די לידער פֿונעם צווייטן טייל בוך א״נ ״פֿון האַרץ צו האַרץ״. דערמיט, אַז דאָ שלאָגט אָן דער דיכטער אין טאָן פֿון ייִדישן פֿאָלקס־ליד. מערסטנס זענען דאָ פֿאַראַן ליבע־לידער, פֿון וועלכע איך וויל ציטירן בלויז צוויי פֿערזן:

״איך וואָלט וועלן זײַן אַ פֿויגל
פֿון אַ וואַלד באַצירט מיט בלומען;
טאָג און נאַכט וואָלט איך געפֿלויגן
ביז צו דיר וואָלט איך געקומען.

שענסטע בלומען פֿון מײַן גאָרטן
פֿון דער ווײַט וואָלט איך דיר ברענגען,
פֿאַר אַ צייכן פֿון מײַן ליבע
וואָלט איך זיי דיר שענקען״.

פּשוט און האַרציק זענען אָט די שורות, אָבער זיי צייכענען זיך שוין אויס מיט עכטער פֿאָלקסימלעכקייט און באַזונדערער מוזיקאַלישקייט. גאָרנישט ווי ״ערשטע בליטן״, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ יונגן דיכטער, וועלכער שרײַבט וועגן זיך אַ ביסל שפּעטער: ״צוויי און צוואַנציק האַרבסטן טריבע / אין דער אייביקייט פֿאַרשווונדן, / גאָרנישט איז פֿון זיי געבליבן / חוץ אין האַרצן שטילע ווונדן״.

דאָס לעצטע ליד, וואָס מיר האָבן דאָ ציטירט, געהערט שוין צום דריטן טייל פֿונעם בוך א״נ ״קעגן שטראָם״. דאָ באַווײַזט זיך פֿאַר אונדז שוין גאָר אַן אַנדער דיכטער, אַ דיכטער – קעמפֿער. פֿאַרשווונדן איז די ליריק, פֿאַרשווונדן דאָס מאָלערישע נאַטור־בילד, עס וועט זיך אומקערן צו אים בלויז דעמאָלט ווען ער וועט שרײַבן וועגן זײַן שטעטל בערעזין, וועגן זײַן אָרעמער היים, וועגן טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, וועגן זײַן פֿרוי און קינדער. אָנשטאָט ליריק האָבן מיר דאָ פּלאַקאַט און לאָזונג, אָט אַזוי ווי עס האָט געפֿאָדערט די שטורמישע צײַט און זײַן אַרבעטער־סביבה. אַ טראָגיקער גייט דער יונגער דיכטער אַנטקעגן דער צײַט מיט זײַן קעמפֿעריש, עקספּרעסיאָניסטיש ליד. ער רופֿט:

"גענוג האָט מען אונדזערע מוחות פֿאַרשלעפּערט,
מיר האָבן פֿון דרימל ערוואַכט!
מיר וועלן מיט פֿאָנען מיט רויטע ווי זונען
צעשניידן די פֿינצטערע נאַכט".

לאַנג האָט ער אין זיין ליד געטראָגן די פֿאָנען די רויטע, דער דיכטער חיים שוואַרץ, אָבער די פֿינצטערע נאַכט האָבן זיי נישט צעשניטן. זיי האָבן פֿאַר אַ צייט טאַקע אויפֿגעלויכטן ווי זונען, אָבער דערפֿאַר איז נאָך טונקעלער געוואָרן די נאַכט ווען די זון־שיין האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון זיי און געבליבן איז דאָס בלוט, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רעוואָלוציע פֿון אַרבעטער און פּויער אין רוסלאַנד האָט ווידער אַמאָל אויפֿגעגעסן אירע קינדער, אַזוי ווי די רעוואָלוציע פֿון דריטן שטאַנד אין 18־טן יאָרהונדערט אין פֿראַנקרייך. געוואָרן איז עס די טראַגעדיע פֿונעם דיכטער, וועלכע ער האָט שטיל געטראָגן אין זיך די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן, הגם ער האָט קיין מאָל נישט אָנגעווירן דעם גלויבן אין אַ שענערער און בעסערער וועלט, דעם גלויבן מיט וועלכן ער איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור.

* * *

מיר האָבן זיך ספּעציעל ברייטער אָפּגעשטעלט אויף דעם ערשטן לידער־בוך פֿון חיים שוואַרצן, ווייל אין דעם קאָן מען שוין זען דעם וועג, וועלכן ער האָט אַליין פֿאַר זיך דורכגעלייגט און מיט וועלכן ער וועט שפּאַנען אַלע זיינע ווייטערדיקע יאָרן; עס איז דער וועג פֿון אַ דיכטער, וועלכער איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם אַרבעטנדיקן פֿאָלק זיינעם, און וועלכער וועט זיך באַמיען אים דינען מיט זיין פּען און מיט זיין טאַט. נאָך דעם ערשטלינג זיינעם האָט חיים שוואַרץ פֿאַרעפֿנטלעכט ווייטערדיקע פֿינעף לידער־ביכער, און יעדעס בוך איז אַ וויכטיקער שטאַפּל אין זיין אַנטוויקלונג, דער פֿערז ווערט קלאָרער, אַלץ מער סאָציאַל אָנגעלאָדן, צייטנוויז ווייניקער דעקלאַראַטיוו, הגם ער געפֿינט זיך כסדר אונטערן איינפֿלוס פֿון דער סאָוועטיש־יידישער דיכטונג און די רעוואָלוציאָנערע יידישע ליריקער פֿון אַמעריקע וועמענס ירושה ער האָט זיך צוגעאייגנט אויף אַ שעפֿערישן אופֿן; דאָס הייסט - ער איז נישט קיין נאָכמאַכער, נייערט אַ ווייטער־שפּינער, אַן אויספּיינערער און פֿאַרפּולקאָמער.

דאָס צווייטע לידער־בוך חיים שוואַרצס טראָגט דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען: "דער גרויסער געראַנגל" און דערשינען איז עס נאָך אַ היפּשן איבעררייס - אין יאָר 1943. דער גרויסער געראַנגל איז, פֿאַרשטייט זיך, די מלחמה קעגן היטלער־פֿאַשיזם, וואָס גייט שוין אָן דאָס פֿערטע יאָר. איז עס מער ווי נאַטירלעך, אַז דער דיכטער זאָל ווידמען אַ גרויסן טייל פֿון זיינע לידער און פּאָעמעס אין דאָזיקן בוך דעם קאַמף קעגן היטלער־דייטשלאַנד און דער העלדישקייט פֿון די סאָוועטישע זעלנער, וועלכע האָבן צו יענער צייט אויסגעטראָגן די גרעסטע לאַסט פֿון דער מלחמה. דאָס בוך עפֿנט זיך מיט אַ ליד וואָס רופֿט זיך איבער דירעקט מיט די שורות פֿון אשר שוואַרצמאַן, דעם גרונטלייגער פֿון דער סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע, געשריבן בעתן בירגער־קריג אין רוסלאַנד: "ס'איז איצט דאָס ליד אַ ביקס, אַ שווערד / דער שונא ביי די טויערן!" און ביי חיים שוואַרצן: "די פּען אין מיין האַנט - אַ בליץ־שאַרפֿע שווערד; / דאָס העל־ווייס פּאַפּיר - די צעוויכערטע ערד".

נאָך דעם דאָזיקן אַריינפֿיר קומען לידער וועגן דער שלאַכט ביי סטאַלינגראַד, וועגן העלדישע סאָוועטישע קריגער, וועגן ביישטראָג פֿון אַמעריקאַנער פֿאָלק צום

אַלגעמיינעם קאַמף קעגן פאַשיזם; פאַראַנען אויפטרייסלענדיקע לידער וועגן יידישע פּליטים פון אייראָפּע און וועגן גורל פון אונדזער פאָלק דאָרט. די דאָזיקע טעמע-געטאָ אין חורבן וועט ער ווייטער אַנטוויקלען אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע ווערק.

אַוועק פונעם „גרויסן געראַנגל" קערט זיך אום דער דיכטער אין דעם זעלבן בוך צו ריין פּערזענלעכער ליריק, וואָס ציט זיך ווי אַן אונטערערדישער ריזלדיקער שטראָם אין זיין גאַנצן שאַפן, וואָס איז אַ כסדרדיק שפּאַנען פאָרויס, ווי עס שרייבט אַליין דער דיכטער: „איך שפּאַן איבער ליכטיקע שטיגן / כאָטש איטלעכן טראָט איז נישט גרינג". אין אָט די צוויי קורצע שורות האָט זיך אים איינגעגעבן, חיים שוואַרצן, איינצופאַסן אַ לעבן פון געראַנגל, פּערזענלעכן, און געזעלשאַפטלעכן, פון דערפאָלגן און דורכפאַלן, פון באַרג-אַרויפן און באַרג-אַראָפּן, פון גלויבן, האָפן און אַנטוישונגען - אָט דעם גאַנצן וועג, וואָס הייבט זיך אָן ווי אַ טרוים, ווי אַ שפּאַנען איבער ליכטיקע שטיגן, אָבער וואָס איז באַגלייט מיט נישט פאָרויסגעזעענע שטרויכלונגען, וואָס פאַרקלעמען אָפּט מאָל דאָס האַרץ, אָבער... דאָס האַרץ, - ווי עס שרייבט דער דיכטער - דאָס פאַרעקשנטע (האַרץ) זינגט".

עס איז אָבער נישט אַזוי פּשוט. נישט לייכט זינגט זיך אים, דעם דיכטער, הגם, ווען איר לייענט אים, זעט עס טאַקע אויס, ווי דאָס פאַרעקשנטע האַרץ זינגט ביי אים אַליין, אַזוי לייכט לייענט זיך זיין מוזיקאַלישער פערז.

דערמאָנט זיך מיר אַ שמועס מיט חיים שוואַרצן בעת איך האָב אים געבעטן צושיקן אַ ליד פאַרן זשורנאַל „חשבון", און ער האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט, נאָר עס האָט עפּעס גענומען צו לאַנג און כ'האָב נישט געהערט פון אים. פרעג איך חיים שוואַרצן דורכן טעלעפאָן: „זאָג מיר, טייערער, וואָס איז מיט דיין צוזאָג"? - אָ, איך אַרבעט איבער אַ ליד - ענטפערט ער. - עס וועט נאָך דויערן אַ ביסל און דו וועסט עס באַקומען"...

הייסט עס, אַז עס האָט זיך נישט געזונגען סתם אַזוי. ס'האָט זיך געפאָדערט שווערע אַרבעט, שווערע האָרעוואַניע, אַז דאָס ליד זאָל זיך לייענען לייכט, אַז דער לייענער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן צווישן איין שורה און דער צווייטער, און דער עיקר, אַז דאָס וואָרט זאָל אַרויסקומען קלאָר און ערלעך, און שטיין זאָל עס אויפן געהעריקן אָרט אַזוי, אַז מען זאָל עס נישט קאָנען איבערשטעלן, אָדער בכלל אַרויסגעמען און דאָס ליד זאָל דערפון נישט ליידן.

* * *

אָט אַזוי, ראַנגלענדיק זיך מיטן וואָרט, מיט די לידער וואָס „גאַרן צו זיין שוין געוואָרענע", איז חיים שוואַרץ געוואָרן דער לירישער כראָניקער פון זיין צייט, אָנהייבנדיק פון די פריע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, פון זיין שטעטעלע בערעזין אין ווייסרוסלאַנד, ווו דאָס פּיצל קינד אויף מאַמעס הענט האָט געזען מענטשן-שטראָמען מיט רויטע פענער אין די הענט (בעת דער רעוואָלוציע פון 1905), און ווו דער דלות האָט געהוליעט אין פינצטערן הייזל פון וועלכן חיים וועט שפּעטער מאָלן אַזאַ וווּנדערלעך בילד:

„און ס'לייגט זיך די שרעק אינעם פינצטערן הייזל,\
און ס'ווערט שוין אַ חיה אַ בייזע דאָס מייזל,\
וואָס גריזשעט אָן אויפהער דאָס האָלץ אין שופלאָדן,\
וואָס זענען מיט ברעקלעך פון דלות באַלאָדן".

אָנהייבנדיק פון יענער צייט, פירט אונדז דער דיכטער דורך גערנגל פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, דורךביידע וועלט־מלחמות און רעוואָלוציעס, דעם קאַמף פאַר פרייהייט און שלום, דעם אומקום פון אונדזער פאָלק אין מזרח־אייראָפּע, דעם אויפקום פון מדינת ישראל און דעם גערנגל פאַר איר עקיסטענץ, אָט די אַלע געשעענישן פון וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג פּלוס די מלחמת און קאָרעע און וויעטנאַם ווערן קינסטלעריש פאַרשפּיגלט אין זיינע לידער און פּאָעמעס.

פון מאָל צו מאָל וועט ער זיך אומקערן צו רעמיניסצענסן פון די קינדער־יאָרן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן עכטן דיכטער. ער וועט זיי פאַרבינדן, אָט די רעמיניסצענסן, מיט דער אַקטועלער ווירקלעכקייט, וואָס האָט אים געשטאַלטיקט ווי אַ דיכטער און קעמפער. אַזוי דערציילט ער אונדז אין אַ ליד, ווי ער האָט, אַלט זייענדיק פינעף יאָר, געלערנט ביים ערשטן רבין חומש און האָט "אַזוי ווי אַ וויכער / געדרייט זיך פאַרזאָרגט אַרום וועגט פון יריחו / און נאָך דעם האָט ער זיך שוין האַרציק געבערידערט / מיט דבורה הנביאה און שמשון הגיבור".

חיים שוואַרץ איז אין זיין גאַנצן מהות ווי אַ דיכטער און מענטש געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט און אויפריכטיקער הומאַניסט. אויף דעם זענען עדות אַלע זיינע זעקס לידער־ביכער, וואָס ער האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן במשך זיין לאַנגן שעפערישן לעבן, און אויך די פּילצאָליקע לידער און פּאָעמעס וואָס זענען לסוף פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַדאנק די באַמיונגען פון זיינע קינדער. אויף דעם זענען אויך עדות די פּילצאָליקע אויסגעצייכנטע איבערזעצונגען פון דער רוסישער, ענגלישער און שפּאַנישער דיכטונג, וואָס ער האָט צוגעאייגנט דער יידישער ליטעראַטור.

אַ באַפרייטער פון די פאַלשע זונען, וועט דער דיכטער אין זיין בוך "זון איבער וואָלקנס" זינגען מיטן פולן מויל אַ הימן צו מדינת ישראל:

"...מיין קול הייב איך אויף היינט אין לויב פאַר די בויער
פון קלענסטן וואַרשטאַט ביז דער גרעסטער פאַבריק -
אַן אויפהער זיי שמידן דיין קיום און דויער,
אַן אויפהער זיי שמידן פאַר מאָרגן דיין גליק".

עס ווילט זיך פאַרענדיקן מיט אייניקע קורצע ציטאַטן פון חיים שוואַרצס אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע א.נ. "אויפן זוניקן וועג":

"ווי דער קוילנגרעבער לאָזט זיך
אין די ערד־שאַכטן אַרונטער
אויפצוקלייבן אין די טיפן
פון דעם שוואַרצן גאָלד דעם וואונדער -

לאָזט זיך חיים שטיל און רויק
אין דער שאַכט פון זיין זיכרון,
אויפצוזוכן, אויפצוגראָבן
ס'גאָלד פון יוגנטלעכע יאָרן."

גראָבט ער און גראָבט אינעם זיכרון און דערגראָבט זיך צו די קינדער־יאָרן:

"...שוועסטערלעך פיר און אַן עלטערער ברודער
פילן די צימערלעך אָן פון דער כאַטע,

ס'איז כאַטשע אַ שיף, און די מאַמעביים רודער -
און אַלע זיך קוויקן מיט בריוו פונעם טאַטן.

גרינג איז אַ מאַמע צו טראָגן די יאָרן,
ווען ווייט איבער ים איז פאַרוואָגלט דער שפּייזער?
וואַשן און לאַטען און באַקן און קאָכן,
תּמיד זיך דרייען ווי זייגערשער ווייזער?

מאַכן די בעטן און קערן די דילן,
שעטקעווען קרויט, אַליין שפּינען דעם באַוול,
צירעווען זאָקן אין אָוונטן שטילע -
טראָגן דעם גורל וואָס האָט זי באַוואָלט?"

בלויז עטלעכע פּערזן פון אַ גרעסערער פּאָעמע און עס קומט אויף פאַר אונדז נישט בלויז דעם דיכטערס אָרעמע היים, אָט יענע היים, ווו דאָס מייזל "גריזשעט אָן אויפהער דאָס האָלץ פון שופלאָדן, וואָס זענען מיט ברעקלעך פון דלות באַלאָדן"... נאָר אַ בילד פון אַ פאַרשוווּנדענער וועלט, וואָס האָט זיך איינגעגעבן דעם דיכטער צו פאַראייביקן נישט מיט קיין פּענדזל און פאַרבן־פלעקן, נאָר דורך דעם קינסלערישן יידישן וואָרט, וואָס קלינגט אָפּ אַזוי אינטים אין אונדזער האַרץ.

און גאָר צום סוף, שורות פון אַ ליד חיים שוואַרצס, וואָס איז ווי אַ מין געזעגענונג, אַ צוואה, וועלכע מיר דאַרפן געדענקען, מיר אַלע, וואָס האָבן אים געקענט און געשעצט ווי אַ דיכטער און מענטש:

ווען די לעצטע שעה וועט קומען און פון דאַנען
איך וועל אין רו אין אייביקער אַוועק -
איך ווייס: ס'איז עמיצער פאַראַנען,
וואָס איבערנעמען וועט מיין אָרעמען געפּעק.

נעמען מיר אין האַנט דאָס ניי־דערשינענע בוך פונעם אַוועקגעגאַנגענעם דיכטער, לייענען ווידער אַמאָל זיינע לעצטע לידער וואָס זענען דאָ צונויפגעזאַמלט, און עס דאַכט זיך. אַז מיר פילן אין זיי דאָס שלאָגן פונעם לעבעדיקן דיכטערישן האַרץ. און אָט שטייט ער ווידער פאַר אונדז, חיים שוואַרץ, אַזאַ ווי מיר האָבן אים געקענט און וועלן אים נישט פאַרגעסן.

(פון אַ לעקציע אין יידישן קולטור־קלוב)

---

אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

פיניע פלאָטקין

## די טשעטשענקע

מיר איז קאַווקאַז געווען
נישט פרעמד.
אַצינד איך זע אַזאַ קאַווקאַז,
ווו אַ טשעטשענקע אומבאַמערקט
פאַרלאָזט איר שטוב, דעם סאָד,
די גאַס.

דעם דעקטוך קוים זי ציט אַרויף
און גייט אַוועק, און גייט אַוועק...
פון ווייטן אַ טשעטשענעץ לויפט,
ס'ווייזט אויס, אַ היים, פון
אַ געשלעג.

מיט אירע זין זיך זען זי וויל
אין די קאַווקאַזער בערג ווייט־ווייט,
דאָרט, ווו עס איז נישט גוט,
נישט שטיל,
ווו מענטשן הרגעט מען ביז היינט.

געפינען אין די בערג זי מוז
כאָטש איינעם, לעבעדיקערהייט,
ווען פון דער הויך דער
כאַרג עלברוס
זיי, שטערבלעכע, אַנטקעגן גייט.

ער זעט ווי אָרים ווערט די ערד
פון צייט צו צייט, טאָג־איין,
טאָג־אויס -
ער ווייסט ווי דאָרט איז לעבן שווער,
ער ווייסט ווי דאָרט די נויט איז גרויס.

## ערבניצע

איז צוגעכאַפּט געוואָרן
אַ יידיש מיידעלע
ווי אַן ערבניצע
צו די האַרצלאָזע באַרגלייט
אכזריותדיק, בייז...
האָט אַ רוסישער בחור -
אַ יונגער סאָלדאַט,
דאָס יידישע מיידעלע
פון געפאַנגענשאַפט אויסגעלייזט.
און ס'האָט דאָס יידישע מיידעלע
פון פרייד געוויינט,
און ס'האָט דאָס יידישע מיידעלע,
ווי נישט מיט אַלעמען,
זיך געפילט,
ביז דאָס יידישע מיידעלע
איז געקומען צו פליען אַהיים -
צו זיך אַהיים -
קיין תל־אביב

אַפּריל־מאַי. 2001

## עלברוס

אים אַרט נישט, וואָס שטיל איז אַרום־און־אַרום,
ווען האַסטיק אַ שטיין אויף אַ שטיינהורבע פאַלט,
ער ווייסט נישט פון וואַנען ער שטאַמט, ער קומט,
פאַרוואָס איז אים, ווינטער אַפילו, נישט קאַלט.

ער איז נישט פאַראורטיילט - ער לעבט, ער איז גרויס,
וויבאַלד אין אַלוועלט איז ער קענטלעך, באַמערקט...
פון באַרגשפּיץ, ווו כמאַרעס שטיל גייען אַרויס,
אָפּט שיטן זיך אייזהליבעס נידעריק, שווער.

זיי שטעלן זיך אָפּ, ווען עס בייט זיך די צייט,
ווו ס'רוען אָפּ שטיינער פאַרגליווערטע, לאַנג,
איך הער ווי אַן אייזבלאָק אין איילעניש שרייט:
- היי, מענטשן, די הילפיקע הענט אונדז דערלאַנגט!

היי, מענטשן, נישט וואַרפט זיך אַ צד אויף אַ צד -
שטעלט אָפּ דעם געשלעג מיט די שכנים. דאָס הייסט -
צום שטילשטאַנד, אָן ספק, דאַרף קומען קאַווקאַז
און ווערן גוטמוטיק, נישט ביטער, נישט בייז.

(פון ציקל: קאַווקאַזער מאָטיוון)

משה וואָלף

# דער גרויסער באַשיצער פון יידישן פאָלק
# אָסקאַר (ישראל) גרוזענבערג

"באין מליץ יושר מול מגיד פשע,
תגיד ליעקב חוק ומשפט
וצדקנו במשפט".
("ווען ס'איז נישטאָ קיין פאַרטיידי־קער,
וואָס זאָל זיך קעגן שטעלן דעם באַשולדיקער,
זאָג דו פאַר יעקבן געזעץ און גערעכטיקייט
און באַרעכטיק אונדז אין געריכט.
(פון אַ ימים נוראָימדיקער תפילה")

א

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערהערט דעם פאַמיליע־נאָמען "גרוזענבערג" פון מיין טאַטן, אויף וועלכן ס'איז אויסגעפאַלן די מיסיע צו זיין איינער פון די פאַרטיידיקער פון אַ קצבס אַ זון, וואָס האָט מיט אַ מעסער דערשטאָכן אַ פוילישן פאָליציאַנט. פאַרגעקומען איז דאָס אין 1937, אין ביאַליסטאָק, בעת אין דער "זשעטשעפּאָספּאָליטא פּאָלסקאָ" (פוילישע רעפּובליק) האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט די שנאה צו יידן. דער פוילישער סיים (פּאַרלאַמענט) האָט אָנגענומען אַ ריי אַנטיסעמיטישע געזעצן. דער וויטיקסטער פון זיי איז געווען דאָס געזעץ, וואָס האָט באַגרענעצט די קוואָטע אויף כשר פלייש, באַשולדיקנדיק די יידן, אַז צוליב דעם, וואָס זיי עסן נישט דעם אונטערשטן חלק פון רינדערן און קעלבער־פלייש, שעכטן זיי בהמות צוויי מאָל מער, ווי די מענטשן פון אַנדערן גלויבן. אין דער דאָזיקער סיטואַציע, כדי צו באַפרידיקן די באַדאַרפענישן אין כשר פלייש, זענען די יידישע קצבים באַצוווּנגען געוואָרן עובר צו זיין דעם לימיט און שעכטן אין געהיים מערער ווי עס איז דערלויבט געוואָרן. איין מאָל האָט אַ ביאַליסטאָקער פוילישער פאָליציאַנט אויסגעשפּירט אַ יידישן קצב, וועלכער האָט געהיים - אין אַ שטאַל פון זיין הויף - געשאָכטן אַ בהמה. ווען דער קצב האָט זיך אָפּגעזאָגט ווייזן די דערלויבעניש אויף כשרה שחיטה און גיין אין דעם פאָליציי־צירקל, האָט דער פאָליציאַנט אין דער אָנוועזנהייט פונעם שוחט מיט גרויס רציחה אָנגעהויבן זידלען און שלאָגן דעם קצב. דער לעצטער האָט אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד. אין געראַנגל האָט דער פאָליציאַנט מיט זיין רעוואָלווער אויסגעשאָסן און אויף טויט געהרגעט דעם קצב. דערהערט דעם שאָס און די געשרייען פונעם שוחט, אין דער זון אַריינגעלאָפן אין שטאַל, און ווען ער האָט דערזען זיין טויטן טאַטן אויף דעם דיל אַ פאַרגאָסענעם מיט בלוט, האָט ער מיט אַ שאַרפן שינד־מעסער דערשטאָכן אויף טויט דעם מערדער. די ידיעה וועגן דעם, אַז אַ ייד האָט דערהרגעט אַ פאָליציאַנט האָט זיך ווי אַ דונער צעטראָגן איבער דער שטאָט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער פּאָגראָם, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך. דעם קצבס זון האָט מען אַרעסטירט און אין גיכן, אַ פאַרשמידטער אין קייטן, איז ער געשטעלט געוואָרן פאַרן סאָנד (פוילישן בית־דין) עס האָט אים געדראָט טויט־שטראָף. די אַדוואָקאַטן האָבן געטון אַלץ, וואָס ס'איז געווען אין זייערע כוחות. דעמאָלט האָט מיין טאַטע, וועלכער האָט בשעתו ניט איין מאָל געהערט גרוזנבערגס אַרויסטרעטונגען, אַ זאָג געטאָן: - "גרוזענבערגן וואָלט מען באַדאַרפט איצט האָבן, נאָר ער איז איצט אין פּאַריז און איז קראַנק". מיין טאַטע האָט בקיצור דערציילט ווער עס איז אַזוינס דער אָנגערופענער גרוזענבערג.

ווען סוף 1955 האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים קיין מאָסקווע פון מיין פאַרשיקונג, האָט מיין שווער ע"ה מיר דערציילט, אַז די זעלבע ווערטער האָט אין 1953, ערב דעם דאָקטוירים־פּראָצעס מיט טרויער און יאוש אַריינגערוימט אים אין אויער דער באַרימטער מאָסקווער אַדוואָקאַט ברוידע, און האָט צוגעגעבן: "ער וואָלט אַוודאי ניט געטרייסלט זיך פון שרעק, ווי מיר".

און דאָס דריטע און לעצטע מאָל האָב איך זיין נאָמען דערהערט אין 1994, ווען איך האָב באַזוכט ארץ ישראל. בעת דער עקסקורסיע אין תל אביב, האָט דער עקסקורסאַנטן־פירער אויסגערופן "און איצט זענען מיר אויף דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען אָסקאַר גרוזענבערג". אויף דער פראַגע - "ווער איז דער פאַרשוין" - האָט דער גיד ניט געקאָנט געבן קיין גענויעם ענטפער. אַ פאַרשעמטער האָט ער אַ זאָג געטאָן: "זיין קבר איז אויך דאָ, אין אונדזער שטאָט".

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן מיין אינטערעס און דאָס זוכן מאַטעריאַלן וועגן דעם דאָזיקן פאַרדינסטפולן און "ניט באַוווסטן מענטש".

- "היה איש ואיננו" - "געווען אַ מענטש און פאַרשוווּנדן" (ח.נ. ביאַליק)

ב.

"הס קטיגור וקח סניגור מקומו"
"אַנטשווייג פּראָקוראָר און פאַרנעם זיין אָרט אַדוואָקאַט"
(פון אַ ימים נוראָימדיקער תפילה)

מליצת־יושר איז איינע פון די אוראַלטסטע עטישע שטריכן פון דער יידישער אמונה. אברהם אבינו, דעם גרונטלייגער פון מאָנאָטעיזם, האָט זיך געקריגט מיט דעם יושב במרומים און פּראָטעסטירט קעגן גאָטס ווילן צו פאַרניכטן די רשעותדיקע שטאָט, סדום, אַפילו, ווען דאָרט געפינט זיך כאָטש איין אומשולדיקער מענטש. פון דעמאָלט אָן ביז דער היינטצייטיקער עפּאָכע מדור ודור (משה רבנו, דערנאָך - די תנאים און מראים, דער בעל שם, לוי־יצחק פון בערדיטשעוו, דער רמב"ם, ברוך ספּינאָזע, די גאָטפאָרכטיקע ליבאַוויטשער דינאַסטיע רביים און זייערע נאָכפאָלגער) האָבן זיך געפונען מליצי־יושר, וואָס האָבן שטענדיק זיך איינגעשטעלט פאַר דעם זינדיקן מענטש און געפאָדערט פון גאָט, פון די וועלטלעכע ריכטערס און פון יעדן מענטש באַזונדער, משפטן דעם פאַרברעכער, אָן אונטערשייד פון זיין גלויבן, לכף זכות. צו דער דאָזיקער שיטה פאַרטיידיקער האָט אָנגעהערט דער רומפולער אַדוואָקאַט אָסקאַר (ישראל) גרוזענבערג. מיט זיין נאָמען איז אָנגערופן נישט נאָר אַ גאַס אין תל־אַביב. בשעתו איז זיין נאָמען געווען באַקאַנט אין פיל מדינות פון אייראָפּע. און דאָך ווייניק ווער ווייסט שוין היינט, ווער איז ער געווען און אין וואָס באַשטייען זיינע פאַרדינסטן כלפי דעם זינדיקן מענטשן, באַזונדערס פאַר דעם יידישן פאָלק. אין פאַרשיידענע ענציקלאָפּעדיעס און אין גרוזענבערגס פאַרעפנטלעכטע ביכער קאָן מען געפינען אָנווייזונגען, אַז זיין גאַנץ לעבן האָט ער געקעמפט פאַר מענטשנרעכט, פאַר מענטשלעכער ווירדע, באַזונדערס - קעגן בילבולים אויף יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס ווערן שטענדיק אַריבערגעטאָרגן אויף דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

אָסקאַר גרוזענבערג, געבוירן 1866 אין אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע, אין יעקאַטערינאָסלאַוו (אוקראַינע). אין גיכן איז די פאַמיליע אַריבער געפאָרן קיין קיעוו. דאָרט האָט ער עטלעכע זמנים באַקומען טראַדיציאָנעלע בילדונג צו וועלכער ער האָט קיין גרויס חשק ניט געהאַט. ער צייכנט זיך אויס מיט שאַרפזיניקייט, מיט גוטהאַרציקייט, מיט גרייטקייט קומען צו הילף יעדן מענטש און בעל־חי. צו 9 יאָר קומט ער אָן אין דער

קיעווער גימנאַזיע. אין גיכן, נאָך בר־מיצווה, שטאַרבט זיין טאַטע, און די פאַמיליע בלייבט אָן געלטמיטלען און פאַלט אַריין אין אָרעמקייט. דערצו נאָך בעת אַן אָבלאַווע אויף יידן, וואָס האָבן נישט קיין ווױנונגס־רעכט, ווערט אַרעסטירט זיין מאַמע. מען שלעפּט זי אַוועק אין פּאָליציי־אַמט און כאָטש מען האָט זי אינגיכן באַפרייט, האָט דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס פון אַנטיסעמיטישן ווילקיר מיט יידישער רעכטלאָזיקייט זיך פאַרקריצט אין האַרץ און אין זיכרון פון דעם יונגן גימנאַזיסט. ער הויבט אָן צו אַרבעטן אַלס רעפּעטיטאָר און איז ממשיך דאָס לערנען אין גימנאַזיע. ער פאַרענדיקט זי מיט גרויס דערפאָלג. געדענקענדיק דעם אומרעכט פון די מלוכה־אָרגאַנען בנוגע זיין מאַמען, באַשליסט ער צו ווערן אַן אַדוואָקאַט. ער זאָגט צו זיינע קרובים און פריינד: "דאָס לעבן האָט נאָר דעמאָלט אַ ווערט, ווען עס ווערט באַפרייט פון קנעכטשאַפט און דערנידעריקונג". דאָס לעבן פון דער פריהייט". און נישט געקוקט אויף דער הערשנדיקער אַנטיסעמיטישער אַטמאָספערע און די פּראָצענט־באַגרענעצטע נאָרמעס פאַר יידישע סטודענטן, ווערט ער אויפגענומען אין יורידישן פאַקולטעט פון קיעווער אוניווערסיטעט. במשך פון אַלע לערניאָרן און בעת די אַרויסלאָז־מלוכה־עקזאַמענס (1889) ווייזט אַרויס דער יידישער סטודענט אַ ווונדערבאַרע חריפות. אין צוזאַמענהאַנג מיט וועלכער מען לייגט אים פאָר פאַרבלייבן אַלס אַסיסטענט־פּראָפעסאָר אינעם יורידישן פאַקולטעט, אָבער נאָר מיט איין באַדינג – זיך שמדן און אָננעמען די קריסטלעכע אמונה. מיט גרויס פאַרדראָס זאָגט זיך אָפּ אָסקאַר גרוזענבערג פון דער דאָזיקער אַוואַנטורע און פאַרלאָזט דעם ווּיסנשאַפטלעכן יורידישן ראַט מיט צאָרנדיקע ווערטער: "ווי שעמט איר זיך נישט – דאָס איז דאָך אַ חרפה פאַר לערערס, וועלכע האָבן במשך פון פינעף יאָרן מיך געלערנט די תורה פון גערעכטיקייט און יושרדיקע באַציונג צו דער ווירדע פון יעטוועדן מענטש – אַפילו פאַר פאַרברעכערס. איך שטאָלציר מיט דעם, וואָס איך בין אַ ייד, און ביז מיין לעצטן טאָג וועל איך אַ ייד פאַרבלייבן".

ער פאַרלאָזט קיעוו און באַזעצט זיך אין פּעטערבורג, ווו ער אַרבעט במשך פון 16 יאָר אַלס געהילף פון אַ געשווירענעם אַדוואָקאַט. אינגיכן ווערט ער אָנערקענט אין די פּעטערבורגער אַדוואָקאַטישע קרייזן. מען באַציט זיך צו אים מיט גרויס פאַרערונג און מען פאַרטרויט אים די פאַרטיידיקונג פון באַשולדיקטע אין זייער געפערלעכע קרימינעלע פאַרברעכנס. איינצייטיק טרעט ער אַרויס אַלס אַדוואָקאַט אין פּראָצעסן פון אָנגעזעענע ליטעראַטור – און געזעלשאַפטלעכע טוערס (מאַקסים גאָרקי, ק. טשוקאָווסקי, פּ. מיליוקאָוו, וו. קאָראָלענקאָ) און אין פּאָליטישע פּראָצעסן (דער ענין פון די מיטגלידער פון דעם פּעטערבורגער אַרבעטער־ראַט; דער ענין פון די דעפּוטאַטן פון דער ערשטער דומע, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן דעם אַזוי גערופענעם "וויבורגער קול קורא" א.אַ.) און ער געווינט שטענדיק דעם פאַרמעסט מיט די באַשולדיקער. ניט געקוקט אויף דער רומפולער אָנערקענונג, קאָן ער נישט צוליב זיין יידישער נאַציאָנאַליטעט, במשך פון 16 יאָר באַקומען דאָס רעכט אויף זעלבשטענדיקער אַדוואָקאַטור. ערשט אין 1905 ווערט אים צוגעטיילט דער טיטול – "איינגעשווירענער באַגלויבטער אַדוואָקאַט". זיינע פאַרטיידיקונג־אַרויסטרעטונגען אין די מיליטערישע געריכטן, אַלס מליץ־יושר פון רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן גענומען אַן אָנטייל אין די אויפשטאַנדן אין 07־1905, האָבן אָפּט געראַטעוועט זיי פון טויט־שטראָף.

אַ באַזונדערע באַרימטקייט האָבן באַקומען גרוזענבערגס אַרויסטרעטונגען אַלס מליץ־יושר אין די ספּעציפיש־יידישע בילבול־פּראָצעסן.

אין 1900 איז דער באַוווּסטער ייִד פֿון ווילנע, דוד בלאָנדעס באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט פֿאַרוווּנדעט זײַן דינסט, אַ קריסטלעך מיידל, כּדי צו נעמען בײַ איר בלוט פֿאַר פּסח־מצות. צוויי יאָר האָט זיך געצויגן דער פּראָצעס, און בלאָנדעס איז פֿאַראורטיילט געוואָרן אויף אַ יאָר און 4 חדשים קאַטאָרגע. דער דאָזיקער מילדער אורטייל האָט נישט באַפֿרידיקט גרוזענבערגן, און האָט אַרויסגערופֿן בײַ אים אַ הייסן פּראָטעסט. פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט האָט ער דערקלערט, "מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז אַזאַ מין באַשולדיקונג זאָל הענגען אויף דער ייִדישער רעליגיע". זײַן אָנקלאַגע האָט ער אַוועקגעשיקט אין קאַסאַציע־געריכט, נאָך זײַן פֿאַרטיידיקונגס־רעדע האָט דער געריכט ריינגעוואַשן בלאָנדעסן און אים פּולקאָס באַפֿרייט פֿון שטראָף. מיט דעם האָט גרוזענבערג געטאָן פֿאַר דעם ייִדנטום אַ גרויסע טובֿה. אַז ס'זאָל נישט אַנולירט ווערן די באַשולדיקונג פֿון בלאָנדעסן, וואָלט זי געוואָרן אַ געפֿערלעכער פּרעצעדענט פֿאַר דעם ביילים־פּראַצעס.

אָסקאַר גרוזענבערג האָט זיך באַטייליקט אין די ענינים פֿון קעשענעווער און מינסקער פּאָגראָמען. ער האָט פֿאַרטיידיקט און געראַטעוועט פֿון טויטשטראָף פּ. דאַשעווסקען, וועלכער האָט זיך פֿאַרמאָסטן הרגהענען קרושעוואַנען – דעם שוואַרץ־מאהיקן הויפּט־אונטערהעצער פֿון דעם קישענעווער פּאָגראָם (1903).

אין 1913–1911 שליסט זיך איין גרוזענבערג אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון בייליסן, וועלכער איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט געהרגעט אַ קריסטלעכן ייִנגל און אויסגעצאַפּט פֿון אים דאָס בלוט צוליב באַקן מצות אויף פּסח... ס'איז וויכטיק צו אונטערשטרייכן, אַז צווישן די אַדוואָקאַטן איז גרוזענבערג, געווען דער איינציקער ייִד, אויף וועלכן ס'איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן די מיסיע ריינצוואַשן נישט נאָר בייליסן, נאָר אויך די ייִדישע רעליגיע און דאָס ייִדישע פֿאָלק.

אָסקאַר גרוזענבערגס רעדע אין געריכט האָט געדויערט 6 שעה. אין איר האָט ער מיט אַ גרויסער איבערצייגונג־קראַפֿט צונישט געמאַכט אַלע אַזוי גערופֿענע אָנווייזונגען געצילטע קעגן בייליסן און האָט פֿאַרענדיקט זײַן רעדע מיט די פֿאָלגענדיקע ווערטער: "אויב זאָגן וועגן דעם אומשולדיקן, נישט געקוקט אויף די באַשיימפּערלעכע פֿאַקטן פֿון זײַן אומשולדיקייט, אַז ער איז שולדיק – אויף דערויף דאַרף מען נישט האָבן קיין מוט. אויף דעם דאַרף מען נאָר מותּר זײַן די געריכט־שבֿועה. זאָל גאָט אָפּהיטן דעם רוסישן ריכטער פֿון אַזאַ מין מוט. איך בין פֿול מיט האָפֿענונג, אַז בייליס וועט נישט אומקומען. נאָר וואָס טון, אויב איך בין זיך טועה, און איר איינגעשווירענע ריכטערס, וועלן טראָץ דער גאַנצער באַשיימפּערלעכקייט, אָננעמען די קאַטאַסטראָפֿאַלע באַשולדיקונג? וואָס זשע טון! – נאָר וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט 300 יאָר, ווען אונדזערע אורפֿאָטערס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די שייטערס. אָן תּרועומות מיט תּפֿילה אויף די ליפּן זענען זיי געגאַנגען אויף אויספֿילן דעם אומרעכטיקן גזר. מיט וואָס זענט איר, בייליס, בעסער פֿון זיי? אַזוי מוזסט איר גיין. אין טעג פֿון שרעקלעכע ליידן, ווען עס וועט אייך אַרומנעמען דער ביטערער יאוש און צער, שטאַרקט זיך, בייליס! און ווידער און ווידעראַמאָל חזרט איבער די ווערטער פֿון אונדזער אוראַלטע תּפֿילה – "שמע ישראל יי אלוהינו, יי אחד". נאָך דעם, ווי דאָס געריכט האָט באַפֿרייט בייליסן, האָט איינער פֿון די אָנגעשטעלטע טעלעגראַפֿירט צו זײַן שעף: "ס'האָט אונדז געטראָפֿן אַ געריכט־צוסימאַ"*.

*) ביים אינדזל צוסימאַ האָט דער רוסישער ים־פֿלאָט געליטן אַ ביטערע מפּלה אין 1905 יאָר בעת דער מלחמה מיט יאַפּאַן. (באַמערקונג פֿון רעדאַקציע)

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז גרוזענבערגן אויסגעקומען ווידער אַמאָל פאַרטיידיקן דאָס יידישע פאָלק. נאָך די ערשטע דורכפאַלן אויפן פראָנט, האָט די רוסישע קאָמאַנדשאַפט, אָן שום באַווייזן, באַשולדיקט די יידישע בייגרענעץ־איינווינער אין שפּיאָנאַזש און פאַרראַט, - אַן אַלטע ווי די וועלט אַנטיסעמיטישע באַשולדיקונג - אויב עס פאַרלויפט זיך עפּעס שלעכטס אין לאַנד, זענען שולדיק אין דעם די יידן. די צאַרישע מלוכה האָט באַפוילן אַרויס שיקן די יידן פון די מערב־גובערניעס און זיי באַזעצן אין די ווייטע מזרח־קאַנטן. טויזנטער יידישע פליטים האָבן פאַרפולט די וועגן אויף מזרח. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשיידענע געריכט־פּראָצעסן קעגן באַזונדערע יידן און גאַנצע יידישע קהילות. גרוזענבערג איז גיך געקומען צום אויספיר. אַז די דאָזיקע יידן נויטיקן זיך אין באַשיצונג. ער האָט פיבערהאַפט זיך געווענדט צו די אַרמיי־פּראָקוראָרן און אַרמיי־קאָמאַנדירן, ניט שאַנעווענדיק זיין געזונט און כוחות. אַזוי האָט ער געראַטעוועט דעם יידישן מילנער טשעכאָווסקין, וועלכן מען האָט באַשולדיקט אין שיקן פאַרשיידענע סיגנאַלן צו די דייטשן; געראַטעוועט פון טויט־שטראָף דעם אָרעמען שניידער האָלצמאַנען; באַוויזן די אומדשולד פון הערשקאָוויטשן, וועלכער איז פאַרמישפּט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע. גרוזענבערגן איז אויסגעקומען אין 1906 מיט דערפאָלג צו פאַרטיידיקן לייב טראָצקין. וועלכן די רוסישע מאַכט האָט באַשולדיקט אין באַטייליקונג אין דיווערסיעס, אויסגעפילטע דורך דעפּוטאַטן, אָנגעהעריקע צום סאַנקט־פּעטערבורגער אַרבעטער־ראַט. דאָס צווייטע מאָל האָט גרוזענבערג זיך באַגעגנט מיט טראָצקין אין 1917, ווען דער לעצטער האָט בעת אַ מיטינג גערופן צו מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה. אויף טראָצקיס פראַגע צי איז אים געפעלן געוואָרן זיין רעדע, האָט גרוזענבערג געענטפערט: "איר האָט נישט פאַרלוירן אייער ערודיציע און אָראַטאָרישן טאַלאַנט, נאָר אַלס סענאַטאָר בין איך גרייט אייך פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע". אויף דעם האָט טראָצקי תיכף־ומיד געענטפערט: "אַזוי אַרום ווילט איר פאַרריכטן דעם טעות. וואָס איר זינט באַגאַנגען, פאַרטיידיקנדיק מיך מיט 11 יאָר צוריק!"

אָן אַן "אויף ווידערזען" האָט גרוזענבערג פאַרלאָזט דעם זאַל.

גרוזענבערג נעמט אויך אָנטייל אין רוסישן פּאָליטישן לעבן.. ווי אַ מיטגליד פון דער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (קאַדעטן) ווערט ער אויסגעוויילט אַלס דעפּוטאַט פון דער צווייטער מלוכה־דומע (רוסישער פּאַרלאַמענט). אין די קומענדיקע יאָרן העלפט ער מיט פּאָליטישע און יורידישע עצות די יידישע דעפּוטאַטן פון דער דריטער דומע. אין 1912 ווערט ער אָנגענומען אין פּאָליטביוראָ אַלס בעל־יועץ און אָנפירער פון די יידישע דעפּוטאַטן פון דער פערטער דומע.

אין 1917 נאָך דעם, ווען ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן באַלפורס דעקלאַראַציע, דערנענטערט זיך גרוזענבערג צו דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין 1918־1919, אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג, פירט ער אָן מיט דער זעלבשוץ און מיט דעם ראַט פאַר הילף לטובת די פּאָגראָם־קרבנות. נאָך דער איינשטעלונג פון דער סאָוועטישער מאַכט, אין 1920 איז גרוזענבערג געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד.

אין די יאָרן 1921־23 לעבט ער און אַרבעט אַלס אַדוואָקאַט אין בערלין. דערנאָך ביז 1932 - אין ריגע. אין 1929 אַרבעט ער אין דער "אייראָפּעישער אַגענץ" אַלס ←

לילקע מייזנער

# "נאַקטורנס-שטיללעבן"

סוף פּרילינג - אָנהייב זומער. דער הימל אַזוי דורכזיכטיק בלוי. די זון - גאָלדיק צעשטראַלט. די שטראָלן צערטלען די גרינע גראָזן און דער ווינט גלעט די פולע זאַנגען וואָס בייגן זיך אין אַ תפילהדיקן געבעט. די קאָרן־בלומען רייסן אַרויף צום הימל זייערע בלויע קעפּלעך און דער בלוי פון הימל און בלום גיסן זיך צונויף אין אַ טיפן לאַזור־קאָליר. הימל און ערד פאַראייניקטע-ים בלויקייט. די לופט איז שטיל און פול מיט דופט פון די קליינע ווייסע בלומען־גלעקלעך. פון ווייטן אַ פויגל אין פלי - אַ פּאַסטאָראַל בילד, פול מיט רויקייט נאַטור־שיינקייט. א סימפּאָניע פון דעליקאַטע קלאַנגען און קאָליר וואָס צעגיסן זיך אין אַ מאָדנער מעלאַנכאָליע.

פלוצלונג שווימט אַרויס אַ געשטאַלט ערגעץ ווו אויף דעם האָריזאָנט. אַן אויפגעהויבענע האַנט און אַ נעץ. אַ טריט פאָרויס, די נעץ באַוועגט זיך און אַ ווייס־געלער זומער־פויגל איז געפאַנגען געוואָרן! אַ צעשטראַלטער שמייכל צעגיסט זיך אויף דעם יונגן פּנים; בלויע אויגן פאַרריסענע צום הימל - דער זיגער און זיין געפאַנגען פלאַטערל! ווי קורץ איז דיין לעבן, קליין פייגעלע, ווי קורץ! און דער ווינט זשומעט, א פויגל האָט זיך צעזונגען אויף אַ ווייטן בוים און אויף אַ דאַך פון אַ פויערישער כאַטע שטייט אַ בושל אויף איין פוס און וואַרט. דאָס בילד איז פאַרגליווערט געוואָרן, הערמעטיש פאַרמאַכט אין די פאַלדן פון מיין מוח... דער אָרקעסטער האָט אויפגעהערט צו שפּילן דעם ערשטן טייל פון וויוואַלדיס "פיר סעזאָנען". זומער, פעלדער, קאָרנבלומען - און דו, דו אינמיטן, דו מיין ברודער, דו דער פאַרגאַנגענער. כ'געדענק שוין באַלד נישט ווי דו האָטס אויסגעזען, כ'רייס אַרויס פון זיכרון דיין געשטאַלט - די ברוינע טשופּרינע, די בלויע אויגן און דיין ליכטיק פּנים. כ'וויל הערן דיין שטימע, כ'וויל דיך איינהאַלטן אין דיין גאַנג, כ'וויל זאָגן נישט פאַרשווונדן אין מיין זעונג! וואַרט, וואַרט, האַלט אַזוי די נעץ - זיי דער זיגער פון דעם מאָמענט! ווייל באַלד... באַלד וועט די בלויקייט פון הימל פאַרשווינדן און שווערע וואָלקנס וועלן באַדעקן דעם האָריזאָנט - און די גאָלדענע פעלדער מיט די תפילהדיקע זאַנגען וועלן אין גרובן פאַרוואַנדלט ווערן. און דו - דו וועסט פאַרשווינדן אין אומבאַקאַנטע רוימען.

די זון טונקט אירע לעצטע שטראַלן. גאָלדיק־ראָזע וואָלקנס באַדעקן דעם הימל. דער פויגל האָט געענדיקט זיין סערענאַדע און איך פאַרענדיק דאָס בילד. היינט וואָלט געווען דיין געבוירנטאָג!

שטיללעבן - זומער!

---

פאָרשטייער פון דער יידישער עדה אין לאַטוויע. די לעצטע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין פראַנקרייך, ווו ער לאָזט אַרויס זיין זכורונת־בוך (אין רוסיש), "נעכטן" (פאַריז,1938) זיינע אַרויסטריטן און פאַרשיידענע פּובליציסטישע אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען זענען פאַעפנטלעכט געוואָרן אין אַ פאָסטמאָרטום־זאַמלבוך: "גרוזענבערג. פאַרצייכענונגען און רעדעס" (אין רוסיש. נ"י. 1944)

אָסקאַר (ישראל) גרוזענבערג איז נפטר געוואָרן אין 1940 אין ניצע. אין 1950, אין הסכם מיט זיין צוואה, איז זיין געביין אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ישראל. ברוך יהיה זכרו!

* * *

האַרבסט. דער ליפּע־בוים וואָס שטייט נישט ווייט פון הויז האָט זיינע גרינע בלעטער, אין אַ פאַרכישופדיקער נאַכט, פאַרוואַנדלט אין פלאַם־רויטע בלעטער. מיר האָבןביידע אַרויסגעקוקט דורך דעם פענצטער און באַוווּנדערט דעם נס פון פאַרוואַנדלונג. דו האָסט דיין אָרעם אַרויפגעלייגט אויף מיין שולטער, און דיין וואַרעמקייט האָט ווי אַ שטראָם אַרומגעכאַפּט מיין קערפּער. באַשאַפונג - ווי מאָדנע איז "גאָטס-וועלטעל". דיינע גרוי־גרינע אויגן זענען פאַרטרערט געוואָרן און טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אויף דיין פּנים. אַזוי פיל קליינקייטן האָבן געווירקט אויף דיין סענסיטיווער נאַטור. דאַכט מיר, ביסט געווען אַ שטאַרקער, אָבער אין אַנבליק פון געוויסע פּאַסירונגען - אַזוי סענטימענטאַל. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דו ביסט ווייט, ווייט אַוועק מיט דיינע געדאַנקען. אפשר אין דעם שטעטל, וווּ ביסט געבוירן געוואָרן, אָדער אין דער שטאָט, וווּ דו האָסט געלערנט און שפּעטער געאַרבעט. געזען דיין היים, טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער. דיין אָרעם האָט מיך פעסטער אַרומגענומען - אָ, ווי כ'וואָלט וועלן איצט פילן דיין האַנט, דיין אָרעם...

האַרבסט. אין אַ טאָג אַזעלכן האָט מען דיך געכאַפּט. האָסט געמוזט טראָגן אָפּגעהאַקטעביימער אויף דיין אַקסל, און אַזוי גיין - הין און צוריק. דער דייטשישער "שקלאַפן מאַרש" - אונטער דער מוזיק פון זייערע צווילדעוועטע געשרייען. די געוואַלדן האָבן צעשטערט די האַרבסטיקע שטילקייט. די אַרומיקע ביימער זענען כמעט נאַקעטע געשטאַנען, אַראָפּגעוואָרפן די בלעטער, געשטאַנען פאַרשעמטע אין זייער נאַקעטקייט. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט האַמעטנע וואָלקנס, און די דייטשישע בייטש האָט געשלאָגן די פאַרמאַטערטע יידן. ביסט אין גאַנג געפאַלן. צו שווער די משא פאַר דעם אויסגעהונגערטן מאָגערן גוף. דער ווינט האָט זיך מיט אַ וואָיען צעזונגען - פון לייד צי פון פריידן? ווער ווייסט?

האַרבסט. וויוואַלדיס צווייטער טייל פון דער סימפאָניע - פאַרענדיקט. אין דמיון זענען מיר ביידע אַוועק העט, העט ווייט. די רויטע ליפּע־ביימער קוקן אַריין אין פענצטער. איך פיל דיין אָרעם - און נעם אַרום די ליידיקייט. יענע ווייטע שרעקלעכע צייט - לעבט אין אונדז און וועט מסתמא קיין מאָל פון אונדז נישט אַוועק. דער אייביקער נישט פאַרענדיקטער מאַרש אין פאַרשיידענע צייטן און פאָרמען - דאָס ווילדע געשריי, וואָס מיר הערן נאָך איצט! און די געפאַלענע צעבראָכענע גופים אויף אייביק איינגעקריצטע אין אונדזער זיכרון!

האַרבסט. רויטע בלעטער, איך און דו - און די שטיל־האַרבסטיקע קלאַנגען פון "פיר סעזאָנען" פילן אויס דעם רוים...

...ווינטער. איך האָב ליב געהאַט דעם ווייסן פּוכיקן שניי, די וועלט אַרום איז געענדערט געוואָרן, באַקליידט זיך אין ווינטערדיקער פּראַכט און די סאָפּלעס אייז האָבן באַצירט טיר און טויער. אַ פלומפּ אין אַ הויף - פאַרהאַמערט פון אייזיקן פראָסט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרכישופטן זשיראַנדאָל. די ציטונגס־פאַרקויפער האָבן געוואָרעמט זייערע הענט און פיס ביי אַ פייער וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ גרעסערן צי קלענערן פעסל. נישט באַדעקטע פינגער פון די אָפּגעשניטענע האַנטשן זענען בלוי געווען פון קעלט. די שטריק וואָס האָט אַרומגעגאַרטלט דעם מלבוש, אַז דער ווינט זאָל נישט אַדורכלאָזן די קעלט, איז שטייף פון פראָסט געווען. אין אַזעלכע ווינטערדיקע טעג האָבן מיר אַרויסגענומען די שליטנס. געזוכט קליינע פאַרפראָרענע

בערגלעך און "הענדעם פענדעם" אַ יאָג געטאָן זיך באַרג אַראָפּ. דער שניי האָט געסקריפּעט און געפינקלט פון ווייסקייט ווי טויזנטער דיאַמענטן. כ'דערמאָן זיך אַ ליד וואָס מיר פלעגן זינגען ווינטער־צייט, גייענדיק אַהיים פון אונדזער שול: "ווינטער־אָוונטן פון חדרים זענען יינגעלעך געגאַנגען, איבער וועגן איבער שטעגן האָבן אָפּגעהילכט געזאַנגען" אָ, ווי ווייט איז די צייט! אַזוי ווייט, אַזוי ווייט! לאַנג פאַרגאַנגענע יאָרן!

ווינטער נאַכט. אַ שליטן און פערד. איינגענורעט אין שליטן זיצט אַ משפּחה. די שקאָפּע שלעפּט זיך פּעמעלעך איבער די גאַסן פון שטאָט, ווייסע שניי־פלאַטערלעך פליען אין דער לופטן און דאָס גלעקל אויפן האַלדז פון פערד קלינגט ריטמיש צום טאַקט פון דעם פערדס טראָט. טראָט נאָך טראָט אין דער ווייסער נאַכט. אין דער נאַכט פון ניתל. דאָס איז מיין פעטערס איינפאַל געווען. ער, דער צעזונגענער, דער פריילעכער, שטענדיק אין באַוועגונג, האָט דעם איינפאַל געהאַט. פאָרן אין אַ שליטן דורך די גאַסן פון אונדזער געבוירן־שטאָט אין אַ ווייסער נאַכט, ווען די גלאָקן פון קלויסטערס האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען און צו וויסן געבן דער וועלט, אַז דער "אויסלייזער" איז געבוירן געוואָרן. אין אַזאַ נאַכט איז אַ יידישע משפּחה געפאָרן צוזאַמען, הענט אין הענט, פריילעך, נישט וויסנדיק ווי דער גורל וועט זיי אין אַ קורצער צייט פונאַנדערטיילן און צעשיידן אויף אייביק... די טענער פון דער סימפאָניע זענען געוואָרן מאָדנע שטיל צעצויגן – אומעט האָט געוווינט אין דער מוזיק־מעלאַנכאָליע פון צייט, נאַכט, ווייסער שניי. דאָס מאָנאָטאָנע קלינגען פון גלעקער־ווי אַן אָנזאָג! שטיללעבן... אין אַזאַ נאַכט מיט אַ צייט שפּעטער – אויף גאָר אַן אַנדערן פּלאַנעט, האָסט אויסגעהויכט דיין נשמה, מיין זוניקער פעטער. דער דערציילער פון דיין סוף האָט גענוי אָפּגעמשלט דיין אַוועקגיין אין דער אייביקייט. מען האָט פון דיר געמאַכט אַ "מענטש־פערד" – איינגעשפּאַנט דיך אין אַ וואָגן וואָס האָט דאָס מיסט און אומריינקייטן פון לאַגער געפירט – דער ס.ס.־מאַן האָט געהאַלטן אין האַנט דעם שפּיצרוט און דיר אָן אויפהער געשלאָגן. דיין הויך געשטאַלט האָט זיך איינגעבויגן אונטער דער לאַסט, דער הונגעריקער קערפּער האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן. די שמיץ זענען געווען צו שטאַרקע. דאָס "מענטשלעכע פערד" האָט נישט געקענט מער גיין. ביסט אַוועקגעפאַלן אין ווייסן שניי – און מער זיך נישט אויפגעשטעלט. די ווייסע שניי־פלאַטערלעך האָבן צוגעדעקט דיין גוף און דיינע אויגן זענען פאַרשלאָסן געוואָרן אויף אייביק! האָסטו אין די לעצטע מינוטן פון גסיסה געהערט די גלאָקן קלינגען? דעם טראָט פון פערד איינגעשפּאַנטן אין שליטן? האָסטו געזען דיין מיידעלע און פרוי אין דמיון? דיין שטייפן גוף – האָט דער דערציילער געזאָגט – האָבן דיינע מיטברידער אַרויסגעטראָגן אין אַ וועלדל לעבן לאַגער, דאָרט האָסטו דיין רו געפונען!

...די לעצטע קלאַנגען פון וויוואַלדיס "ווינטער"־סעזאָן זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אין דער שטילקייט האָב איך נאָך אַלץ געהערט זייער לעצטן פלאַטער – דעם לעצטן נשמה־פלאַטער פון דיר – מיין באַליבטער פעטער ... שטיללעבן – פון דעם אומקום־פלאַנעט!

כ'נעם צונויף די בילדער, שטעל זיי אויס איינס לעבן אַנדערן כ'פאַרגלייך זיי און זע־איך זע דעם גרויסן אָפּגרונט, וואָס טיילט זיי פונאַנדער. וועלכער מוזיי וועט זיי צונעמען? אויף וועלכע ווענט וועט מען זיי צעהענגען? נישטאָ די ווענט, נישטאָ די מוזעומס–זיי וועלן פאַרגיין מיט אונדז! שטיללעבן, נאָקטורנאַלע קלאַנגען. קלאַנגען פון אַ ווייטער צייט! צייט און רוים. געוועזן און פאַרגאַנגען! די זון וועט ווייטער שיינען, פעלדער וועלן פול ווערן מיט זאַנגען און בלומען, רויטע ליפּע־בלעטער וועלן ווידער

←

מ. אײַזענבוד / מעלבורן

# דער לעצטער אַקאָרד...

## (אַ מעשה פון אַנומלט)

פון דער קאַפע אונטער די קליאָנען האָט זיך געצויגן אַ ווייִנענדיקער ניגון, וועלכער איז אַריבער אין אַ פריילעכס, און האָט עפּעס אין זיך ווי אַ ראַפּסאָדיע אָדער ציגײַנער־מוזיק. די ביינערדיקע קלאַווישן פון אַקאַרדיאָן, באַפּוצטע מיט פּערלמוטערנע בלומען, האָבן זיך מאַיעסטעטיש באַוועגט אונטער זאַכאַריעס געניטע פינגער.

די געסט אין דער קאַפע האָבן גענאַשט אײַזקרעם, קאַווע מיט קוכן, געריכערט און פון צײַט צו צײַט אונטערגעהאַלטן זיך מיט דער רויטהאָריקער זשעניאַ, וואָס איז אַגב געווען די באַלעבאָסטע און מיט וועלכער אַלע זענען געווען באַפרײַנדט.

די קליאָנען האָבן געהערט צו ראַדזשיווילן און דאָס גרין אָפּגעמאָלענע זומערדיקע ביידל מיט די ברייט פאַרגלאָזטע פענצטער האָט דער גאַס, און אפשר דער שטאָט גופא געדאַרפט צוגעבן דעם אָנבליק פון גרויס־שטאָטישקייט. כאָטש אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן אילוזיע, אַזאַ מין וועלן מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז אויך מיר ווייסן ווי צו לעבן – ווי ביי לייטן.

דער אײנציקער וואָס איז געווען פאַרטאָן אין זײַן שפּילן – איז געווען זאַכאַרי. אַוודאי האָט עס געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ער פאַרווײַלט די געסט, אַפילו די וואָס זענען געזעסן אין דרויסן אויף די בענק צווישן די ביימער און זיך צוגעהערט. ער שאַפט, הייסט עס, די געמיטלעכע אַטמאָספער און ביי די אַנטשפּאַנטע געסט אַ ווילן צו געניסן נאָך אַן אײַזקרעם, טרינקען אַ טעפל קאַווע מיט צובייסן.

די קאַפע איז געוואָרן דער טרעף־פּונקט פאַר אַלטע באַקאַנטע אָנצוגיין מיט זייער שמועסן און אַ קאַפּיטשקע רכילות – ווי עס פירט זיך ביי לייטן.

כאָטש זאַכאַרי האָט אַלעמען געקענט דאָ – נאָך אַלעמען – ער איז דאָך דאָ אויפגעוואַקסן, און בלויז עטלעכע יאָר איז ער געווען ערגעץ ווו, זאָגט מען, ווו ער האָט

---

אַרײַנקוקן אין פענצטערס – און ווייסער שניי וועט פאַרדעקן די ערד. און דער סדר פון דער וועלט וועט אָנגיין, די סעזאָנען פון יאָר וועלן זיך בײַטן און די אייביקע קלאַנגען פון מוזיק וועלן לייכטער מאַכן די געמיטער פון מענטש... ברענגען רו. און שטיללעבן בילדער וועלן פאַרגליווערטע אַראָפּקוקן פון נישט געזעענע ווענט. און ווערטער פון פּאָעטן וועלן געלייענט ווערן און צעשטערן אפשר די רו.

„נעכטן אין אַ נאַכטיקער מינוט
האָב איך פון מיין אינגעווייד
און זינגעווייט פאַרנומען קלאַנגען,
וואָס אַ מענטש האָט נישט אַרויסגעהאַקט פון
גומען"

(א.. סוצקעווער – פון בוך – „אָאַזיס")

אין אַזאַ נאַכטיקער מינוט האָב איך געזען די בילדער און צעשטעלט זיי אין שורות, און אײַנגעקוקט זיך אין זיי, און דורך זיי, געוואָלט לעבעדיק מאַכן א פאַרגאַנגענע וועלט. שטיללעבן! שטילקלאַנגען!

שטודירט מוזיק אין אַ קאָנסערוואַטאָריע, אָט דעם סאָרט מוזיק פֿאַר וועלכן עס איז אין דעם טיף־פּראָווינציאָנעלן שטעטל ניט געווען קיין אָרט. מען קאָן אָבער ניט נעמען אַ שטאָט מיט מענטשן און אָפּשטעמפּלען זיי ווי פּאַרגערבט, און אָן אַ טראָפּן געפֿיל, אָדער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר מוזיק.

איצט קאָן מען שוין ניט פֿאַרהערן יענע יידן, כּדי עס צו באַווייזן, אַז איך טרייב איבער. עס קומט פּשוט אויס, אַז מען מוז אַליין פֿאַרשטעלן די זאַך.

די ערשטע מוזיקער, וועלכע קומען אויפֿן זכרון זענען געווען דער הינקענדיקער זאַוואַדזקי, וואָס האָט געשפּילט אויפֿן פֿידל און ראַכעלקע שריפּטזעצער – וואָס האָט געשפּילט אויפֿן ראָיאַל אין זוסמאַנס קינאָ, אין יענע יאָרן ווען מען האָט געוויזן שטומע פֿילמען.

די קלאַנגען פֿון דער באַגלייט־מוזיק האָבן אַרויסגערופֿן די ראָמאַנטישע געפֿילן און די אינערלעכע שטימונג נישט נאָר אַרום דער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפֿן לייוונט נאָר אויך אין דער טונקלקייט פֿון זאַל. דאָס האָט אַלנפֿאַלס ניט געהאָלפֿן לייבעצקע דעם קצב און אַלטער שליפֿפֿאַק אין זייער אייגענעם אופֿן פֿון באַנעמען די דראַמאַטישע קאָמפּליקאַציעס, וועלכע דער פֿילם־רעזשיסאָר האָט פֿאַרטראַכט.

ביידע האָבן ניט געקאָנט לייענען די באַגלייט־צושריפֿטן וואָס האָבן איבערגעגעבן די געשפּרעכן צווישן די העלדן, אָבער זיי האָבן שוין געוווסט אויף געוויס וואָס עס וועט דאָ ווייטער פּאַסירן, און האָבן זיך געשפּאַרט אויפֿן קול, צי וועט זי אַנטלויפֿן מיטן אוכאַזשאָר, אָדער צי וועט דער מאַן זי דאָ טרעפֿן, און עס וועט זיי ביידע דאָ די כאָליערע נעמען. זייער שפּאַרן זיך האָט אַפֿילו פֿאַרהילכט די מוזיק. אָבער דעם עולם האָט עס שטאַרק ניט געאַרט – עס איז געווען אַ מין צולאָג צום פֿילם.

ווען מען האָט פּאַגעשטעלט רעמאַרקס "אויפֿן מערב פֿראָנט קיין נייעס" איז צו די מוזיקער צוגעקומען זעליק דער באַראַבאַנשטשיק. און יעדעס מאָל ווען מען האָט אויסגעשאָסן, האָט ער ניט פֿאַרפֿעלט אַ פּויק צו טאָן, כאָטש אַ ביסל אַ פֿאַרשפּעטיקטן. דערפֿאַר אָבער איז דער אָפּקלאַנג געווען ווי מען וואָלט טאַקע געשאָסן אין זוסמאַנס קינאָ.

זאַוואַדזסקיס שפּילן אויפֿן פֿידל און ראַכעלקעס שפּילן אויפֿן ראָיאַל האָט פֿאַרוויגט דעם עולם וואָס איז ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער קאַרטינע. דער שטאָלץ פֿון אַלע מוזיק־ליבהאָבער איז אָבער געווען דער מיליטערישער אָרקעסטער, איבערהויפּט ווען די מוזיקאַנטן זענען אַרויסגעפֿאָרן אויף די ווייסע פֿערד, אָנגעטאָן אין גאַלאַ־מונדירן און מיט הילכיקע טרומייטערס אויפֿגענומען די דעפֿיליאַדע פֿון אולאַנער פּאָלק. די רייטערס האָבן הויך געהאַלטן זייערע שטאָלענע פּיקעס באַפּוצט מיט געלע, פֿלאַטערנדיקע פֿענער, און האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן ערשט אַרויסמאַרשירט פֿון די געשיכטע־ביכער פֿון פּוילן.

דעמאָלט האָבן ניט געפֿעלט קיין ענטוזיאַסטישע צוקוקער, צווישן וועלכע – אַזוי האָט מען געשמועסט – זענען אויך געווען מבֿינים.

און דאַן איז נאָך געבליבן צו פֿאַרצייכענען די עקסיסטענץ פֿון דעם פֿאַזשאַרנעם אָרקעסטער, וואָס איז טאַקע ניט געווען צו פֿאַרגלייכן, אָבער פֿאָרט: זיי האָבן דערלאַנגט אַ מאַרש און די פֿאַזשאַרניקעס זענען געגאַנגען צום טאַקט, ניט ערגער ווי זעלנער.

טאָ וואָס האָט שוין דאָ זאַכאַרי געקאָנט אויפֿטאָן מיט זיינע דיפּלאָמען און מיט זיין אַקאָרדיאָן? האָט ער געצויגן די ניגונים וואָס האָבן אָפּגענאַרט מיט זייער הייטערקייט,

כדי ניט צו פֿאַראַטן דאָס, וואָס טיף אין אים האָט דער אומעט גענאָגט ווי אַ וואָרים, אַן אומעט פֿון איינעם וואָס ווייס, אַז אָט די קאָפּע "אונטער די קליאַנעץ", איז ניט מער ווי אַ זומערדיקביידל, און אַפֿילו אין די זומערדיקע פֿאַרנאַכטן האָבן געסט מער גערעדט צווישן זיך, ווי געלאָזט זיך ווויליגיין. מען איז דאָ געקומען, ווייל עס האָט פּשוט אָנגעשלאָגן מיט משפּחהדיקייט.

יעדעס מאָל, ווען ער האָט באַמערקט, אַז עמעצער פֿון די געסט לאָזט זיך אַריין מיט דער רויט-האָריקער זשעניאַ אין אַ צו לאַנגן שמועס, אַז זי שמייכלט און לאַכט אַפֿילו, האָט ער אַ שאַרפֿן צי געטאָן מיט דער האַרמאָניע, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אַ פֿאַרצווייפֿלט געשריי פֿון פֿאָרוווּרף אָדער פֿאַרדראָס.

נאָך אַלעמען, איז די רויטהאָריקע זשעניאַ אים ניט געווען קיין פֿרעמדע - זי איז געווען זיין ווייב מיט וועלכער ער האָט מיט אַ יאָר צוויי צוריק חתונה געהאַט. עס איז געווען צווישן זיי - ווי עס ווייזט אויס - אַ גאָר וואַזשנע ליבע, און כאָטש זיי זענען געווען גאָר רייך אין ראָמאַנטיק - זענען זיי געווען גאָר אָרעם אין תּכלית.

-האָבן זיי ניט געוווּסט פֿון אָנהייב, וואָס עס וועט זיין דער סוף?

דאָס האָט געפֿרעגט איטשקע דער שדכן, וועמען די גאַנצע מעשה האָט פֿאַרדראָסן וואָס אָט דער שידוך איז אָפּגעטאָן געוואָרן אָן אים, כאָטש ער האָט געהאַט אויפֿן אויג גאָר עפּעס אַנדערש - טאַקע פּאָר ביידן. - נו, זי איז שוין ניט געווען פֿון דער ערשטער יוגנט, און ער איז געקומען פֿון דער גרויסער שטאָט, אַן עלעגאַנטער, אַ הויכער שיינער בחור - האָבן זיי געדאַרפֿט וואַרטן אויף אייער מבֿינות? און קיין נדן איז אויך ניט געווען...

זאַכאַרי האָט געוווּסט, אַז צווישן די געסט וואָס קומען דאָ אַריין, געפֿינען זיך עטלעכע עלטערע בחורים מיט היפּשע קניפּלעך, און ס'מוז זיי אַרן, פֿאַרוואָס זיי האָבן צו לאַנג געוואַרט. איז אים אויסגעקומען, אַז די קאַווע איז ניט מער ווי אַן אויסרייד, אַזאַ מין תּריץ. ער האָט אויף יעדן פֿון זיי געקוקט מיט אַ באַהאַלטענעם חשד: - האָבן זיי ניט געקאָנט זיך שדכנען צו איר, איידער ער האָט מיט איר חתונה געהאַט?

ער איז טאַקע געווען ניט מער ווי אַ מוזיקער, אָבער אין הילכות ווייבערייַ האָט ער געוווּסט, אַז פֿון יענעמס ווייב טוט דער קאָפּ ניט ווי... יאָ, אַזוי פֿיל דערפֿאַרונג האָט ער פֿון דעסטוועגן געהאַט, און די קאָפּע איז ממש געווען אַן אומשולדיק אָרט, ווו מען האָט געמוזט אַזעלכע זאַכן פֿאַרזען.

די מוזיק, אַפֿילו די פֿאַרבענקטסטע, וואָס ער אַליין האָט קאָמפּאָזירט, האָט אין אים ניט געקאָנט פֿאַרשטעלן דעם טרויער, ווען זיי בלייבן אַליין.

די טעמפּעראַטור פֿון זייער ליבע - האָבן זיי געפֿילט - פֿאַלט.

האָט זי געהאַט טענות צו אים? ניין. נאָר אַז זיי האָבן צוזאַמען געמוזט רויכערן איין סיגאַרעט - האָט אים איר שטומקייט געדריקט.

זאַכאַרי האָט אָנגעהויבן קומען אַהיים שפּעטלעך. עס האָט געשמעקט פֿון אים מיט בראָנפֿן און פּערפֿום. דאָס זענען געווען די צופֿעליקע פֿאַרדינסטן וואָס אָפּיצירן האָבן אים אָנגעבאָטן, פֿאַר שפּילן אויף זייערע הוליאַנקעס. ער האָט די פּאָר זלאָטעס פֿאַרדינסט אָוועקגעלייגט אויפֿן טיש ווי אַ באַווייז, אַז זיין קומען אַהיים פֿאַרטאָג איז פּשוט פֿאַרבונדן מיט זיין פּראָפֿעסיע. אָבער טייל מאָל איז ער געקומען און ניט אויסטוענדיק זיך, אַ וואַלגער געטאָן אויפֿן בעט, ווו זי איז געלעגן, שוין אַ וואָכע.

זיי האָבן ביידע געפֿרעגט די זעלבע פֿראַגע: ווו אַהין וועט עס פֿירן? זי האָט

געמיינט - זיינע נאַכטיקע פּאַרוויילונגען, וואָס האָבן איר גענומען ווערן איבערדריסיק. זיין פֿראַגע האָט געצילט אין אַן אַנדער ריכטונג - איר צופֿיל היימישקייט מיט די קאַווע־טרינקער.

זיין באַהעמישע נאַטור, דער קינסטלער אין אים האָט געצויגן צו אַן אַנדער וועלט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק אָפּגעריסענער וואָלקן, אין וועלכן ער קאָן זיך ניט אָנכאַפּן. אָבער סיי ווי דער וואָלקן איז פֿריי און שוועבט הויך ערגעץ ווו - ווען ער מוז זיין צוגעבונדן צו דער ערד, צו קליינע טאָג־טעגלעכקייטן, ווי זאָרגן וועגן די נויטן. ער האָט אַ פּרוי, פֿליכטן. זי דערמאָנט עס אים יעדן טאָג - אָן אַ וואָרט צו זאָגן.

דער איינציקער געטרייער פֿריינד מיט וועמען ער קאָן זיך דורכשמועסן און וועלכער פֿאַרשטייט אים, איז געווען דער אַקאָרדיאָן - מיט וועלכן ער האָט זיך זעלטן געשיידט.

דער זומער האָט גענומען אויסגיין מיט פֿאַרגעלטע קליאָן־בלעטער. די אָוונטן זענען געוואָרן קעלטער, די קאַפּע באַזוכער־ווייניקער. די קנייטשן אויף זשעניאַס פּנים זענען געוואָרן שאַרפֿער. אַזוי זענען אויך געוואָרן די טענער פֿון זיין האַרמאָניע. ער האָט דורך זיי אויסגעשריען דעם פֿאַרדרוס פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט.

אויף די אָפּטע אָפּיצירשע הוליאַנקעס, ווו מען האָט אים פֿאַרבעטן מיט זיין אַקאָרדיאָן, האָט ער זיך אויסגעשיילט פֿון זיינע זאָרגן. די פֿרויען האָבן זייטיק געשמייכלט צו דעם פֿרעמדן מיט די ציטערנדיקע קלאַווישן. דעם שמייכל האָט באַגלייט דער גלאַנץ פֿון פֿייכטע אויגן. זיי האָבן מיט אַן אינערלעכן ציטער דערפֿילט דעם רוף, די מאָנונג וואָס זוכט נייע דערפֿאַרונגען. מיט די צאַרטע טענער האָט ער זיי געלאָזט וויסן, אַז ער פֿאַרשטייט, אַז ער איז גרייט. ווי מאַגנעטישע פֿעדעם האָבן די קלאַנגען זיי געצויגן צו אים. די מענער מיט פֿאַרגלייזטע, שיכורלעכע אויגן האָבן דורכן רויך פֿון סיגאַרעטן גלייכגילטיק געקוקט אויף די פֿרויען. פֿון לאַנגער געוווינשאַפֿט האָבן זיי געוווּסט, וואָס מען קאָן שוין פֿון זיי דערוואַרטן. דאָך האָבן זיי געטאַנצט, זיך צוגעדריקט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויפֿוועקן די פֿאַרגאַנגענע אָנערגונג פֿון ערשטמאָליקייט. פֿון צייט צו צייט האָט אַ קעלנער צוגעטראָגן אַ טאַץ מיט שנאַפּסן און אויך אים דערלאַנגט אַ גלעזל. און נאָך יעדן גלעזל האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

- עך, טשאָרט וואָזמי...

פֿאַרטאָג - אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, בגילופֿין, איז ער אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן געלעגער. אין געדאַנק האָט ער פּרובירט אויססאָרטירן וועלכעס ווייבל, אויף וועלכן אָרט, אין וועלכער צייט, ער וועט דאַרפֿן באַזוכן.

נאָר ווען ער האָט אין אָוונט, שוין אַן אויסגעניכטערטער, דערזען צווישן די קנאַפּע געסט פֿון קאַפּע דעם, וועלכער האָט ניט פֿאַרפֿעלט צו קומען יעדע נאַכט, האָט זיך אין אים די פֿאַרגאַנגענע נאַכט אויפֿגעלייזט, און אין מוח האָבן זיך גענומען צונויפֿהעקלען געדאַנקען, אַז זיין קומען אַהער איז מער ווי אַ לייכטער שמועס, און געוויס מער, ווי אַ טעפּל קאַווע, וואָס ער טרינקט, כדי צו באַרעכטיקן זיין זיין דאָ. איז ער צו אים צוגעגאַנגען, גוט ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

- דו מיינסט, אַז תמיד וועט זי האָבן רויטע האָר? טשאָרט וואָזמי...

דער, מיט וועמען ער האָט זיך באַנומען מיט געמאַכטער היימישקייט, איז געווען שעראַשעווסקי, און כאָטש ער האָט זיך מיט גאָרניט אָנגעהערט מיטן וואַרשעווער באַנקיר שעראַשעווסקי, איז ער פּאָרט געווען אַ פֿאַרמעגלעכער מענטש, וואָס צו אים

האָט געהערט אַ טייל פון דער שטאָטישער עלעקטרישער סטאַנציע.

דאָס האָבן דריי יידן זיך אונטערגענומען צו באַזאָרגן אַ שטאָט מיט ליכט, און דערפאַר געהאַט אַ קאָנצעסיע פון דער רעגירונג אויף 15 יאָר.

זאַכאַרי האָט דערביי אַ טראַכט געטאָן: "ווען איך פאַרמאָג זיין געלט, וואָלט איך ערשט אַ לעב געטאָן - טשאַרט וואַזמי - און ניט געטרונקען יעדן אָוונט אַ טעפּעלע קאַווע.

אָפּגעריסענע געדאַנקען, ווי אָפּגעריסענע טענער פון זיין האַרמאָניע, האָבן גענומען אַרומבלאָנקען ביי אים אין קאָפּ. אין דעם טעם פון פאַמיליע־לעבן האָבן וואָס אַמאָל מער אויסגעפּעלט די עלעמענטן פון באַפרידיקונג. אַלץ איז געוואָרן וואַכיק - אַפילו די ליבע; אַפילו די באַדערפעניש צו געבן דער ליבע דעם אָנשטעל פון סאַטיספאַקציע, פון אָט דער נאָענטקייט, וואָס האָט זיי צוגעצויגן. כאָטש ביידע האָבן זיך באַמיט אָנצוהאַלטן דאָס פייערל, ביי וועלכן זיי האָבן זיך געוואַרעמט, האָט זשעניאַ פאַרשטאַנען, אַז ער איז זעלטן מיט איר, אַפילו ווען זיי שלאָפן צוזאַמען.

געלט איז געוואָרן זאַכאַריס האַלוצינאַציע, ניט נאָר אין זיינע חלומות, אַפילו אין זיינע זעונגען אויף דער וואָך. ער האָט צו ערשט ניט קלאָר באַנומען, וואָס אַזוינס געלט קאָן פאַר אים אויפטאָן, וועט ער קויפן ליבע? וואָס שייך פרויען, האָט ער שוין געהאַט גענוג אָנבאָטן פון די אָפּיצירישע הוליאַנקעס; וועט געלט אויפוועקן דעם פלאַם, וואָס נעמט זיך לעשן? דעם פלאַם פון זייער ערשטן צונויפקום? ער איז ניט געווען מער זיכער, צי ער וויל עס.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים פאַרפאָלגט יעדע וואַכע מינוט און אויך אין שלאָף קיין רו ניט געגעבן. דער געדאַנק האָט אים פאַרפאָלגט מער און מער מיטן גאַנג פון זומער, וואָס לעשט זיך אויס; מיט די קופּעס קופּערנע קליאָן־בלעטער וואָס שורגען אונטער די טריט. ביז עס איז פאַר אים קלאָר געוואָרן: געלט וועט אים געבן פרייהייט. ער וועט זיך אַ יאָג טאָן אין דער וועלט אַריין; ער וועט זיך דורך זיין מוזיק פאַרשאַפן אַ נאָמען; ער וועט קאָמפּאָזירן אַריעס; אָרקעסטערס וועלן זיי שפּילן אין סאַלאָנען; ער וועט די טענער, וואָס בלאָנדזשען אין זיין קאָפּ, אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג. זיי וועלן איינעמען - אויב ניט די וועלט - איז די מוזיקאַלישע סאַלאָנען פון דער הויפּטשטאָט. דאָרט ווו אַ קינסטלער באַטייט עפּעס. ער האָט שטאַרק געגלויבט אין זיין טאַלאַנט. נאָר מיט וואָס צו קויפן די אויסגעבענקטע פרייהייט האָט ער ניט געהאַט.

זשעניאַ האָט באַמערקט עפּעס אַן אויפבראַוז אין אים, אַ לעבעדיקע אומרויקייט, אָנשטאָט דער פריערדיקער גלייכגילטיקייט. ער איז געוואָרן אַזוי עקזאַלטירט מיטן געדאַנק פון פרייהייט, אַז ער איז ממש צוגעפאַלן צו איר - עפּעס אַזוינס האָט שוין לאַנג ניט פּאַסירט - זי אַרומגענומען און גענומען שעפּטשען:

- טייערינקע, ווען מיר האָבן עפּעס אַ פאַרמעגן - וואָלטן מיר געווען פריי, פריי, און ניט געדאַרפט אויסקוקן אויף די פאַר קאַווע־טרינקער, וואָס קומען דאָ אָפּנודיען אַן אָוונט. פאַרשטייסטו כאָטש וואָס פרייהייט מיינט:

אין אים האָבן גענומען אויפבליצן געדאַנקען, וועלכע ער האָט פּרובירט אָפּיאָגן. פאַרטרייבן זיי, אָבער ווי זלידנע פליגן זענען זיי פאַרט צוריק געקומען.

- דער סעמיאָן שעראָשעווסקי. צו וואָס טויג אים דאָס איינזאַמע לעבן, ווו זיין איינציק פאַרגעניגן איז איינקאַסירן נאָך אַ טויזנטער, נאָך אַ טויזנטער - פאַר וועמען?

פאַר דער חברה קדישאַ?

און ניט פילנדיק ווי אַזוי, האָט עס פון אים אַ שפּאַר געטאָן. עס איז אַרויסגעקומען אָן זיין וויסן. ער האָט איבערגעריסן דאָס שפּילן און זיך צוגעזעצט צו שעראָשעווסקיס טישל מיט אַ טעפּל קאַווע. ער האָט עס פריער קיין מאָל ניט געטאָן. זיך צוגעזעצט און סתם אַזוי אַ זאָג געטאָן: "געפעלט דיר עפּעס זשעניאַ – טשאָרט וואַזמי"...

צי זשעניאַ איז אים געפעלן אָדער ניט – שעראָשעווסקי איז אין דעם מאָמענט ניט גרייט געווען זיך צו פאַרפּליכטן מיט אַן ענטפער.

– זי איז דאָך דיין פרוי, דאַרף זי דיר געפעלן. טאָ ווי קום איך פּלוצלינג אַריין אין חשבון? דאַרפסט נייטיק מיין צושטימונג?

– אָט אין דעם מאָמענט איז עס פאַר מיר זייער וויכטיק איך זאָל עס וויסן.

עפּעס איז די מעשה אַריין שעראָשעווסקין אין דער נאָז. עס האָט אים אויסגעזען, אַז זאַכאַרי וויל אים אונטערשטעלן אַ פּאַסטקע און וואַרט זי זאָל אים אַריינכאַפּן. אָנשטאָט צו ענטפערן האָט ער אַ זופּ געטאָן די קאַווע, וואָס איז שוין קאַלט געוואָרן.

זשעניאַ איז צוגעקומען. אָט, צוליב נייגעריקייט. וואָס אַ שטייגער קאָן זאַכאַרי רעדן מיט שעראָשעווקען? וועגן עלעקטערע? וועגן חשבון וואָס זיי האָבן ניט צו באַצאָלן?

– אָט – מאַכט זאַכאַרי – קומט אַ מענטש אַריין יעדן אָוונט, אַ פריינד, אַן אייגענער – טשאָרט וואַזמי – קומט ער אַהער קוקן אויף די קליאָנען? וואָס איז דאָ צו זען אויף זיי? פרעג איך אים: געפעלט דיר זשעניאַ? נעמט ער אָן אַ פול מויל מיט וואַסער...

ערשט איצט האָט זשעניאַ באַנומען, פאַרוואָס זאַכאַרי איז די לעצטע וואָכן אַזוי צעשטרייט און אויפגעהייטערט, און אַזוי צוגעלאָזן.

שעראָשעווסקי איז שוין געווען אין דעם עלטער, אין וועלכן עס איז שוין ניטאָ קיין צייט צו פירן ליבעס. האָט ער אין איינעם אַ טאָג אַ פרעג געטאָן זשעניאַן:

אויב זאַכאַרי וועט דיר אָפּגטן, וועסטו מיט מיר חתונה האָבן?

און כאָטש זשעניאַ האָט אַרויסגעפּילט, אַז עפּעס קומט פאָר הינטער אירע פּלייצעס, האָט די פּלוצלינגדיקייט פון דער פראַגע זי איבעראַשט.

* * *

און אַזוי האָט פּאַסירט, ווי אין די מעשיות פון פאַרצייטן: זשעניאַ איז אַוועק מיט זאַכאַרין צום רב, און זיך געגעט.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און זי האָט חתונה געהאַט מיט שעראָשעווסקען. זאַכאַרי האָט באַקומען זיין לוין – דריי טויזנט דאָלאַר – און געהאַלטן וואָרט: ער איז אַוועק פון שטאָט.

ווען די סאָוועטן האָבן פאַרנומען די שטאָט, האָט זיך זאַכאַרי ווידער באַוויזן.

– אַרטיסט – זענען די סאָוועטן נתפּעל געוואָרן פון זיין שפּילן. געלויבט אים אין הימל אַריין: אַ נאַסטאָיאַשטשי אַרטיסט און אַ נאַש בראַט! נאָר דאָס האָבן זיי שוין געזאָגט ווען מען האָט גענומען אַ כוסה, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זאַכאַרי איז אַ גראַמאָטנער...

ביסלעכווייז האָט ער זיך דערדינט, און מען האָט אים שוין באַצייכנט ווי: "נאַסטאָיאַשטשי סאָוויעצקי טשעלאָוויעק..."

אַראָפּגעקומען איז ער ניט כּדי צו פֿאַרדינען דעם יחוסדיקן טיטל, און אַפֿילו ניט כּדי זיך צו צעצאָלן מיט שעראָשעווסקען. פֿון די דאָלאַרן איז שוין קיין זכר ניט געבליבן, און זשעניאַ האָט שוין געהאַט אַ רויטהאָריק מיידעלע פֿון אַ יאָר דריי.

מילא - די עלעקטראָוניע האָבן די סאָוועטן פֿאַרמלוכהשט. אָבער דאָס רחבותדיקע הויז איז נאָך אַלעמען געבליבן פּריוואַט אייגנטום. אַפֿילו לויט די סאָוועטישע געזעצן.

איין מאָל אין וואָך, און אפשר צוויי אָדער דריי מאָל, האָט זאַכאַרי אַ שיכורער פֿאַרבלאָנדזשעט אין דער גאַס, ווו זשעניאַ האָט געוווינט, און גענומען קלאַפּן אין טיר מיט געבעט:

זשעניעטשקאַ, לאָז מיך אַריין... דאָס בין איך... זאַכאַרי... צו וואָס טויג דיר דער אַלטער ייִד אָן זיין געלט...

נאָר אַז די שווערע דעמבענע טיר האָט זיך ניט אויפֿגעמאַכט, האָט ער גענומען גוואַלדעווען: דו שטינקענדיקער בורזשוי, גיב מיר אָפּ מיין ווייב...

דאָס פֿאָלקס-געריכט האָט זאַכאַרין געמשפּט פֿאַר כוליגאַניזם און... אים פֿריי געלאָזן, מחמת עס איז געווען ערב די אָקטאָבער-פֿייערונגען און דער קאָמסאָמאָל האָט געדאַרפֿט האָבן דעם "נאַסטאָיאַשטשי אַרטיסט", וואָס איז געוואָרן אַ "פֿאָלנער סאָוויעצקי טשעלאָוויעק" - צו באַשיינען די שמחה. צום סוף האָט ער אַפֿילו געפֿועלט מען זאָל שעראָשעווסקען פֿאַרשיקן קיין סיביר ווי אַ בורזשוי אָן אויסנוצער און סאָציאַל-שעדלעכן עלעמענט.

נאָר זשעניאַ האָט די טיר סיי ווי ניט אויפֿגעמאַכט...

און דאַן זענען אין שטאָט אַריין די דייטשן. אין דער בהלה האָבן די סאָוועטן פֿאַרגעסן אָן זייער אַרטיס און זיך שנעל אָפּגעטראָגן מיט אַלע לאַסט-אויטאָס וואָס זיי האָבן געקאָנט געפֿינען, אין אַזאַ מאָמענט איז אַפֿילו אַזאַ פֿאַרדינסטפֿולער אַרטיסט ווי זאַכאַרי אָן איבעריקער באַגאַזש, ווען אויף דעם אָרט קאָן מען אַריינפּאַקן אַ ניי-מאַשין אָדער אַ וועלאָסיפּעד.

עס איז אויך מעגלעך, אַז ער אַליין איז ערגעץ ווו פֿאַרשלאָפֿן נאָך אַ נאַכטיקער הוליאַנקע און אויפֿגעקומען נאָך אַלעמען.

ווען ער האָט זיך געכאַפּט, וואָס דאָ איז געשען, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם אַקאָרדיאָן און געלאָפֿן אין דער ריכטונג פֿון שטאָטישן וואַלד. ער איז אָבער ווייט ניט דערלאָפֿן.

שפּעטער האָבן פּויערים אים געפֿונען הענגען פֿון אַ בוים, און ביי זיינע פֿיס - האָבן זיי דערציילט - איז געלעגן דער אַקאָרדיאָן, אַן אָפֿענער, ווי ער וואָלט אים אַרויסבאַגלייט מיט לעצטן אַקאָרד...

משה שקליאַר

## פון אַלע פייגל

אין ווייטער ווייט
פון דעם אַמאָליקן אָ מאָל,
וואָס געווען איז מערער
גראָ ווי בלאָ,
איך בין געווען
אַ יעגער און אַ וואָלף,
אַ קאַץ, אַ הונט,
נאָר מער פון אַלץ
איך בין געווען אַ פויגל.
אַ קינד - בין איך געפלויגן
אין די הימלען
ווייט און הויך
צוזאַמען מיט אַ טשאַטע
קינדער - פייגל
און פון מיין ברוסט
האָבן פליגל צווייַ געפלאַטערט
און קיין מאָל זיך פאַרמאַטערט.
דער יונגער טויבנכאַפּער
האָט געיאָגט אונדז
מיט אַ שוואַרצער שמאַטע
און מיר זענען געפלויגן,
געפלויגן רונד אַרום
אויף ברוק פון קיזלשטיין -
אונדער בלויען הימל.
און נאָך דעם בין איך שטיל אַוועק
אין מיין טויבנשלאַק -
דער קעלער־שטוב
און מיט פאַרטרערטע אויגן
אַריינגעחלומט אין דער נאַכט -
ווידער זיין אַ פויגל.

- - - - - - - - - - - -

פון אַלע יענע פייגל
געבליבן כ׳בין אַליין
און אין מיינע חלומות
איך זע זיי ווידער,
די פייגל - מיינע קליינע ברידער,
זיי שוועבן אין דער הויך,
ווו ס׳האָבן זיי פאַרטראָגן
פון טרעבלינקע און מיידאַנעק
די שוואַרצע קנוילן רויך.

## די געלע בלעטער אויפן ברוק

די געלע בלעטער אויפן ברוק
ציטערן ביי מיינע טריט,
און פלוצעם גיט אין האַרץ אַ שניט
דער ערשטער האַרבסט פון נאָכן קריג...

יענער האַרבסט ווען האָסט דערפילט
ביסט ווי אַ געלער בלאַט אַליין,
וואָס וואַלגערט זיך אַרום פאַרהילט
אין גראָזן ווי אַ קיזלשטיין

און קיינער זעט אים נישט און הערט
און ער אַליין, ער ווייסט נישט מער
ווו און ווען ער געהערט -
דעם הימל אָדער גאָר דער ערד.

און דער געלער בלאַט - דער שטיין
פון יענעם שווערן, האָרבן האַרבסט
ווען האָסט דערפילט זיך גאָר אַליין
און געמיינט, אַז שוין, דו שטאַרבסט

נאָכן שטאַרבן הונדערט מאָל
און ווערן פאָרעך, ווערן אַש,
און אויפשטיין פונעם טויטנטאָל
און ווידער זיין אינעם געראַש

און האַוועניש פון טאָג און נאַכט
נאָך דעם פּיצל לעבנסרוים
פאַר וועלכן דו מוזט גיין אין שלאַכט
און פאַרגעסן, אַז ביסט קוים

געווען אַליין ווי יענער בלאַט.
וואָס וואַלגערט זיך אויף קאַלטן ברוק,
דער איינזאַמער, דער געלער בלאַט
אין ערשטן האַרבסט פון נאָכן קריג.

- - - - - - - - -

איצט גייסטו ווידער אום אַליין,
און אַרום דיר אַ בלעטער־רינג,
די מאַטע האַרבסט־שיין הילט דיך איין
און פאַרשלינגט...

## ניי־יאָר ליד

מירן ווידער ווי אַ מאָל
מיט טאַנץ און מיט געזאַנג
דאָס נייע יאָר באַגעגענען
און פון נאַכט־הימל עס וועט
מיט זילבער־שטערן
רעגענען.

פון פלעשער וועלן שיכורע
אַרויספליען די פּראָפּנס,
לחיימס וועלן הילעכן
העכער אַלץ און העכער
אַזש ביזן סאַמע
מילעכוועג!

און שפּעטער וועט אַ ווייסער שניי
פאַלן אויף די הייסע קעפּ
און ווי אייז זיי אָפּקילן,
און די צייט וואָס איז געבליבן אונדז
מיר וועלן אויף ס'ניי
פאַרשפּילן.

און אַזוי זיך שפּילנדיק
פונעם טיפן נאַכט־חלום
מיר וועלן זיך דערוועקן,
און ניכטערע און זויבערע
מירן זיך אַרומקוקן
און דערשרעקן...

עקיבא פישבין / ירושלים

# אין "הויז פון וויקטאָר היגאָ"

מיט יאָרן צוריק, ווען די וועלט איז פֿאַר אונדז, יידן, נאָך געווען אַ וועלט - איי, האָבן די יונגע אונדזעריקע פון מזרח־איראָפּע, אין דורשט נאָך אַ טרער פרישער לופט אין דער יידישער סביבה, געזוכט דאָס לעבעדיקע וואָרט אין די ביכער; פֿאַרקאָכט געווען אין ליטעראַטור - דאָס בוך נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט!

בימים ההם, אין יענע שיינע־גוטע צייטן, האָבן יונגע יידן אַרויפגעקוקט צו דעם פראַנצויזישן פּאָעט וויקטאָר היגאָ (1802–1885).

דער אָ שטיק פייער פון גייסט האָט אונדזעריקע יונגע גֿעקערעוועט צו ספּיריטועלע הויכקייטן, פֿאַרקאָכט זענען אונדזערע יונגעלייט געווען אין זיינע ביכער; דערפילט אַ נשמה דאָרט, וואָס צאַפּלט מיט אימה פֿאַרן מענטשנס היינט און מאָרגן, האָבן די יונגע יידישע אויערן דערהערט אַ נערוועז־קעמפערישע שטימע, אַ קול פון ריינעם קריסטאַל, וואָס האָט תקיפותדיק, מיט אַ ירגזון, פֿאַרלאַנגט אַ יושרדיקן סדר אויף גאָטס וועלט!

יאָ - די אויסגעבונדענע ביי אונדז אין ליטעראַטור און געשיכטע האָבן אויך געוווסט, אַז וויקטאָר היגאָ דער פּאָעט - דער וויזיאָנער, דער אַנגאַזשירטער שרייבער, איז דער ראש־המדברים פון דער יונגער גוואַרדיע פון ראָמאַנטיזם, און אַז דער אָ שרייבער, איז אויף אַן הוספה אַ פלאַמיקער טריבון, אַ פּאָליטישער, אַן עקשנותדיקער קעמפער קעגן ווילקיר: אַ קעמפער פֿאַר עטיק און מאָראַל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. פֿאַר זיין מי און מאַטערניש האָט נאַפּאָלעאָן דער דריטער, דער "פירער" פון פראַנקרייך, אים "באַלוינט" מיט גלות.

הקיצור - וועגן היגאָ, דעם אומרויקן ראָמאַנטיקער, דעם איידעלן טרוימער האָט מען אין אונדזעריקע מקומות, די פֿאַרניכטעטע פון די נאַציס י"ש, געוווסט אַ סך: געוווסט אויך, אַז גלייך נאָך זיין פּטירה, האָט פראַנקרייך אים אַריינגעפירט מיט יראת הכבוד אין פּאַנטעאָן פון אירע אויסדערוויילטע זין.

מאַכט זיך, אַז די גלאָריע פון וויקטאָר היגאָס אימפּעטדיקע פעדער האָט פֿאַר אונדזערע אויגן - אגב לאַנג אויך פֿאַר די אויגן פון דער ברייטער וועלט - פֿאַרשטעלט דעם "כאַאָס פון פענדזל" (היגאָס אַ מימרא) וואָס דער פּאָעט האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

* * *

אין די ווינטערדיקע חדשים פון יאָר 2000 איז אינעם "הויז פון וויקטאָר היגאָ" אין פּאַריז פֿאָרגעקומען אַן אויסשטעלונג פון 260 גראַפישע ווערק פון פּאָעט - אַן אויסוואַל פון זיינע 4000 פלאַסטישע שאַפונגען. די אויסגעשטעלטע ווערק זענען ממש אַן התגלות, זיי עפענען די אויגן פון צושויער אויף אַ "נייעם וויקטאָר היגאָ"! מיט התפּעלות האָט מען באַוווּנדערט די גראַפיק פון היגאָ, וואָס דער "כאַאָס פון פענדזל" זיינעם האָט באַשאַפן

מילא, אַז די היגאָ־צייכענונגען רעדן רייד, דערציילן וועגן זיין שטוינענדיקן טאַלאַנט אַלס מאָלער, אַז די גראַפיק זיינע זאָגט עדות וועגן "טינט, וואָס באַשאַפט פון שוואַרצער חושכות ליכט", ווי ס'זאָגט וויקטאָר היגאָ - דאָס אַליין וואָלט דאָך שוין געווען דיינו! אויף אַן הוספה, אַנטפּלעקן גראָד היגאָס אויסגעשטעלטע ווערק אַ בעל מחדש פון דער פלאַסטישער קונסט, אַ מבשר פון שטרעמונגען, וואָס וועלן אָנהייב

20־טן י״ה רודערן אַ וועלט!

וועט איר פרעגן - מיט וואָס איז ער דאָס אַ בעל־מחדש, דער מאָלער וויקטאָר היגאָ? די וויקטאָר היגאָ־שאַפונג איז מבטל די בילדערישע פאָרשטעלונג, וואָס דאָמינירט די אייראָפּעישע קונסט זייט יאָרהונדערטער, ער מאַכט אַ סוף צום קאָפּירן די נאַטור, מיט פלעקן באַשאַפט ער נישט פאַרויסגעזעענע פאָרמען. די פאָרמלאָז־מיסטעריעזע וויזיעס זיינע פירן אַריין דאָס אַבסטראַקטע לשון אין דער קונסט. די אַ גאַלע נייעסן, די אפיקורסישע, וועלן אין אַ שיינעם העלן טאָג באַקומען דעם הכשר פון ״מאָדערניזם״. מען האַלט, אַז בשעתו איז וויקטאָר היגאָ דער ערשטער ״כופר בעיקר״ בשטח דער פיגוראַטיווער קונסט.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן - וויקטאָר היגאָ האָט שוין קינדווייז געצייכנט, אַ מאָלער האָט ער אָבער נישט געטראַכט צו ווערן. ער האָט אין די אַקאַדעמיעס נישט געלערנט, אַפילו אין אַ מאָלער־אַטעליע נישט אַריינגעשמעקט. זיין האַנט, די שפּעריש אין פלאַסטישער קונסט, האָט קיין שום אויטאָריטעטע הלכה נישט געקערעוועט, זיין גראַפיש ווערק איז אַן עדות פון אַ קאָמפּלעטע פרייהייט נוגע פאָרעם און באַנוץ פון חומר. היגאָ האָט קיין מאָל נישט אַרויפגעקוקט צו אַ וועלכן ס׳איז מייסטער אין דער פלאַסטישער קונסט.

וויקטאָר היגאָ איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אויטאָדידאַקט. עד יום מותו האָט ער געזוכט און עקספּערימענטירט, אויסגעפּרוווט מיטלען אַרויסצוברענגען אַן אויסדרוק מיט מער רעליעף; געפּרוווט פאַרבאָרגענעם קלאַנג פון אַ געפיל ווי אַזוי אויסצוהילכערן בולטער און שאַרפער. אַזוי אַרום איז דער פרייער אויטאָדידאַקט, דער עקשנותדיקער זוכער און דערפינדער, געוואָרן אַ סולל־דרך פון נייע דרכים מיט וועלכע ס׳וועלן אין צענדליקער יאָרן אַרום אַוועקשפּאַנען יונגע קינסטלער, און די ווערטן פון קונסט טאָן שטופּ פאָרויס.

פאַראַן אויף דער אויסשטעלונג ווערק ציטערט דאָרט דער עכאָ פון מיסטעריעזע וויזיעס אַרום שלעסער און רוינען, אַן עכאָ פונעם ראָמאַנטיזם בשעתו. פאַראַן אָבער אויך יצירות אין בפירוש קוביסטישער באַהאַנדלונג, וויזיעס פון אַבסאָלוטער אַבסטראַקציע - אַ גילגול פון סודותדיקע געזאַנגען.

הכלל - וויקטאָר היגאָ איז אַ פּיאָנער פון מאָדערנעם קינסטלערישן באַנעם, אַ נאָוואַטאָר, וואָס צעשטערט דעם ״פאַרהייליקטן״ באַגריף ״שיין״, זיין יצירה קערעוועט דאָס אויג פון אוהב־קונסט אויף עסטעטישע שינויים, וואָס גיבן צו פאַרשטיין, אַז דעם באַגריף ״שיינקייט״ איז באַשערט אַ כסדרדיקע מעטאַמאָרפאָזע.

נישט בחינם האָבן אַרויפגעקוקט צו וויקטאָר היגאָ די סירדעאַליסטן פון צענדליקער יאָרן שפּעטער. זיי האָבן געפונען אין זיינע זוכענישן דעם שורש פון זייער וועלט - די מיסטעריע פון נישטערן אינעם אונטערבאַוווסטזיין.

״מיינע צייכענונגען זענען צוביסלעך ווילד״ - האָט אַמאָל בענוות היגאָ געשריבן צום פּאָעט באָדלער. באָדלער איז מיט אים נישט מסכים. די היגאָ־שאַפונגען זענען שוין ווייט נישט ווילד. באַהעשט פון טראַגישע וויזיעס טוט זיין שאַפונג מגלה אַ שרעקלעכן תהום, גאָרנישט קיין גוטס איז מבשר די היגאָ־שאַפונג. אומעטום זעט דער מאָלער היגאָ געהיימניש. ביי אים שמעקט אַלץ מיט אַ נאָך מבולדיקער מעלאַנכאָליע. די זון איז עפּעס ווי פאַרשוואונדן אויף אייביק. דער מבול האָט אָפּגעשווענקט אַ וועלט מיט ←

לייב באַראָוויק / ניו־יאָרק

# ביז ס׳וועט מיין עיגול שליסן זיך

"...והיי לי אם ואחות."
ח.נ. ביאַליק

ביסט אַ מאַמע און אַ שוועסטער
מיר געווען אויף פוילנס ערד,
אינעם קליינעם שטעטעלע ווו
ס׳איז קיין ייד ניטאָ שוין מער.
זינט ביסט אָפּגעשיידט,
מיין בעסטע,
איז קיין רו מיר ניט באַשערט.
כ׳גיי דאָ אום אַ זייטיקער צו
דיר, פאַרפּייניקטע, כ׳געהער.
ס׳האָט דיין גוטסקייט מיך
באַשיצט אין
יענע טעג די פינצטסרע.
האָסט ביים לעבן דאָך
דערהאַלטן
מיך אין געטאָ, טייערסטע.
כ׳וואָלט פון הונגער
אויטגעגאַן דאָרט
ווען ניט דו, אָ, האַרציקע.
ווייסן ווייסט איעדער שטערן
ווי עס גאַרט נאָך דיר מיין זעל.
אין מיין חלום ווערסט נתגלה
פאַר מיין אויג און
מורמלטס קוים:

"טאָ איז וואָס, אָ, זיווג מיינער,
אַז מיין אָרט ז׳ווייט־ווייט אַזוי?
גלייב מיר, גלייב,
געטריי אָן שיעור, אָן
גבול די טריט דיינע איך היט."
אַלץ אַרום דערמאָנט:
וועסט קיין מאָל
שוין ניט זיין מיט מיר דאָ־די.
סט׳בלייבן אין מיין דמיון
וואָך ביז
ס׳וועט מיין עיגול שליסן זיך.
כ׳הער ווי נ׳וואָר דיין
הילפרוף לעצטן
ווו איך טו זיך נאָר אַ ריר.
ס׳ווייגט אויף דיין פאַרגיין,
בת־טובים
צאַרטע, יעדער גליד אין מיר,
כ׳שענק, מאַרטירערין, בדחילו
ורחימו דיר דעם שיר.
ס׳האָט דער גורל אונדז פאַרבונדן
און פאַרקניפּט, מיין ליבינקע.
זאָל דור־אויס, דור־איין דיין זכר
זיין געבענטשט, מיין ליכטיקע.

---

מענטשן, אַ נאַטור מיט געוויקסן. אָט, זעט איר ביי אים פאַרלאָזענע שטחים, שלעסער פאַרלאָזטע, וואָס וואַרטן אויף זייער אונטערגאַנג. ימים טויטע - אַן אוניווערס פון חורבן...

אַ הייינטציטיקער קריטיקער האַלט, אַז היגאָס גראַפישע שאַפונג איז "אַ דירעקטער המשך פון זיין ליטעראַריש ווערק".

ס׳איז כדאי צו באַמערקן - ביים לעבן האָט וויקטאָר היגאָ זיינע גראַפישע ווערק נישט אַרויסגעבערענגט אין דער עפנטלעכקייט, בלויז יחיד סגולה, מבינים אויף פונקען, וואָס פלאַקערן אין דער נשמה. פלעגן באַקומען פון אים מתנות. איינער פון זיי איז געווען דער שרייבער טעאָפיל גאָטיע, דער קונסט־מבין, וואָס האָט געשריבן, אַז "וואָלט וויקטאָר היגאָ נישט עוסק געווען אין ליטעראַטור וואָלט ער געווען אַ מאָלער פון דער ערשטער מדרגה".

קורץ און שאַרף - די אויסשטעלונג אין "הויז פון וויקטאָר היגאָ" איז מגלה אַ צוימען־ברעכער - אַ גאון פון דער פּלאַסטישער קונסט.

משה בן שלמה זאב (וואָלף)

# די שמשוניאַדע - פאַרפירערשאַפט און ליבע

די היסטאָריע פון שמשון און דלילה, דערציילטע אין תנך־ספר "שופטים" (קאַפּיטל יד), האָט דערשיטערט לייענער פון ניט איין דור. אין דעם קאָלעקטיוון זיכרון איז דלילה פאַרבליבן ווי אַ פאַרפירערישע וועקערן פונעם יצר־הרע, וועלכע האָט מיט איר שעלמישקייט פאַרנאַרט אין אירע נעצן דעם אומבאַזיגלעכן שמשון הגיבור און האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון זיינע בלוט־שונאים. פון דעמאָלט אָן איז דלילה פאַרבליבן אין פאָלקס־געוויסן ווי די פאַרקערפּערונג פון פרויאישער שלעכטקייט, און שמשון, ווי דער סימבאָל פון מענערישן כוח, גבורה און העלדנמוטיקייט.

די דאָזיקע היסטאָריע, ניט געקוקט אויף דער קאַרגקייט פון די שילדערישע מיטלען, איז פול מיט דראַמאַטיזם און אירע פּערסאָנאַזשן דערשיינען פאַר אונדז ווי לעבעדיקע. דער תנך האָט קיין מאָל נישט איבערגעפּוצט דעם מענטשן, און מאָלט אים שטענדיק מיט דערשטוינענדיקער און אויסערגעוויינלעכער מאָלערישער קראַפט.

שמשונס פאָטער איז "געווען אַ מאַן פון צרעה פון דער משפחה פון דן, וואָס זיין נאָמען איז געווען מנוח", וועמענס לאַנדשאַפט געפינט זיך אין צענטער פון ישראל. זיין געבוירן ווערן האָט פון סאַמע אָנהייב מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ נס: זיין מוטער איז לאַנגע יאָרן געווען אַן עקרה. "האָט אַ מלאך פון גאָט זיך באַוויזן צו דער פרוי און האָט צו איר געזאָגט" (...) "זע, דו וועסט טראָגעדיק. און געבערסט אַ זון; און אַ שערמעסער זאָל ניט אַרויפגיין אויף זיין קאָפּ, וואָרום אַ נזיר זאָל דער ייִנגל זיין פון מוטערס לייב אָן" (שופטים, 3-4; דאָס און ווייטער - פון יהואש).

די שמשון־לעגענדעס, וועלכע דערציילן אין ספר "שופטים" וועגן זיינע העלדנטאַטן, זענען פאַרבונדן מיט פאַרפירערשאַפט און אָפּגענאַרטער ליבע פון דריי פּלישתים־פרויען. די ערשטע פון זיי איז געווען זיין "ווייבספאַרשוין אין תמנה פון די טעכטער פון פּלישתים". אויפן וועג צו איר איז פאָרגעקומען זיין ערשטער העלדנטאַט. מיט זיינע הוילע הענט האָט ער אויף טויט געהרגעט אַ לייב, וואָס איז אָנגעפאַלנכן אויף אים. אין עטלעכע טעג אַרום האָט שמשון זיך אומגעקערט צו זען די נבלה פונעם לייב און האָט אין זיין גוף דערזען אַ ראָי בינען און האָניק. "מיט זיינע האַנטפלאַכן האָט ער עס אַרויסגעשאַרט און גייענדיק געגעסן". בעת דער חתונה האָט שמשון פאַרגעבן די פּלישתים־געסט אַ רעטענעש, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער געשעעניש-
"פון עסער איז אַרויס אַן עסן
און פון שטאַרקן איז אַרויס אַ זיסער" -

און צוגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלן טרעפן דעם ענטפער, וועט ער זיי "געבן דרייסיק טיכער און דרייסיק גאַנגקליידער". אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט די רעטעניש באַשיידן. דאַן האָבן זיי זיך צונויפגערעדט מיט שמשונס פרוי, אַז זי זאָל אויסטאַפּן ביים חתן דעם ענטפער, ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פּלישתים האָבן מיט דער הילף פון זיין פרוי אים אָפּגענאַרט, איז ער אַן אויפגערעגטער און אַ צעבייזערטער אַוועק קיין אַשקלון, און "געשלאָגן פון זיי דרייסיק מאַן, און צוגענומען זייער אויסטו; און ער האָט אָפּגעגעבן די גאַנגקליידער צו די וואָס האָבן געזאָגט די רעטעניש". מיט גרימענדיקן צאָרן האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין פאָטערס הויז, ווו ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין ווייב האָט אים פאַרלאָזט, און געוואָרן די ווייב פון זיינעם אַ חבר, וועמען ער האָט צוגעחברט צו זיך".

דעמאָלט, "אין דער צייט פון ווייצנשניט", האָט שמשון געכאַפּט דריי הונדערט פיקסן, ער האָט צונויפגעבונדן זייערע עקן - איינס צום אַנדערן, אין די קנופּן האָט ער אַריינגעשטעקט בראַנדהעלצער, און האָט די פיקסן אָפּגעלאָזט. זיין זענען אָנגעקומען צו די פּלישתימס פעלדער און מיט די בראַנדהעלצער פאַרברענט דאָס געוועטעניש. די פּלישתים האָבן אויף דעם געענטפערט אויך מיט פייער - זיי האָבן פאַרברענט שמשונס ווייב און איר פאָטער".

נישט געקוקט אויף דעם, האָט שמשונען געצויגן אין פּלישתים־לאַנד, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַ שמאָל ערד־פּאַסיקל אַרום דעם מיטללענדישן ים, צווישן אַשדוד און עזה - אין לאַנד פון אומפּאַרגייענדיקן פרילינג, פון באַרכעטזווייכע ווינטעלעך און צערטלעכער זונעדרשיין; - פון שטענדיק גרינע פעלדער, מיט גאָלד־גלאַנצדיקע זאַמד־דיונעס; - אין לאַנד פון פלייצנדיקער פרייד און פאַרגעניגן.

די צווייטע מעשה איז פאַרבונדן מיט אַ זונה פון עזה, וועלכע האָט אים אַריינגעצויגן אין אירע נעצן. ער האָט זיך פאַרליבט אין איר און פלעגט אָפט קומען צו נעכטיקן אין איר הויז. ווען די פּלישתים האָבן זיך פון איר דערוווּסט, ווו ער געפינט זיך, האָבן זיי ביי נאַכט אַרומגערינגלט דער זונהס הויז, כדי צומאָרגנס אין דער פרי פאַרכאַפּן שמשונען און זיך אָפּרעכענען מיט אים. שמשון האָט זיך וועגן דער באַלאַגערונג דערוווּסט, "און אין האַלבע נאַכט איז ער אויפגעשטאַנען און האָט אַנגענומען די טירן פון דעם שטאָטטויער" (...) זיי אַרויסגעריסן, "און האָט זיי אַרויפגעטראָגן אויפן שפּיץ פון דעם באַרג וואָס פאַר חברון".

שמשונס דריטע געליבטע, וועלכע האָט אים פאַרעטעריש איבערגעגעבן צו די פּלישתים, איז געווען "די פרוי אין טאָל שורק, וואָס איר נאָמען איז געווען דלילה". אין דעם ספר "שופטים" איז נישטאָ קיין שום באַשרייבונג וועגן דלילהס שיינקייט, וועגן אירע באַפּוצונגען און קליידונגען. אָבער די געבראַכטע אין דעם דאָזיקן ספר שטריכן פון איר פערזענלעכקייט, דערלויבן צו "דערטראַכטן און פאַנטאַזירן". אויף דעם בילד פונעם רומפּולן קינסטלער גוסטאַוו מאָר דערשיינט פאַר אונדז אַ רייצנדיקע, פאַרבלענדנדפולע פרוי, די שיינקייט און צוציענדיקע קראַפט פון וועלכער איז זייער שווער זיך קעגנצושטעלן. זי איז אָנגעטאָן אין אויסגעזוכטע קליידער און אין פּראַכטפולע צירונגען.

שטאַרק איז געווען שמשונס ליבע צו איר. ער פלעגט איר מוחל זיין אַלע אירע קאַפּריזן און אָפּנאַרערייען. שמשון הגיבור, דער שופט פון ישראל, איז איבער זיין ליידענשאַפטלעכער ליבע צו דלילהן אין גיכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איר קנעכט. און, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס האָבן ניט געפעלט קיין באַווייזן אויף איר ניט־ערלעכקייט, האָט ער קיין מאָל זי ניט חושד געווען אין נידערטרעכטיקייט און פעיקייט צו פאַראַטן. פאַר די פּלישתים, וועלכע האָבן שוין אַ לאַנגע צייט געטרוימט צו פאַרכאַפּן שמשונען, האָט זיך איצט געעפנט אַזאַ מעגלעכקייט די פּלישתים־פירשטן האָבן פאַרטראַכט מיט דלילהס הילף צו פאַרכאַפּן שמשונען. זיי האָבן זיי איינגערעדט אויסצופאָרשן ביי אים, אין וואָס באַשטייט זיין אויסערגעוויינטלעכער כוח, און צוגעזאָגט באַצאָלן איר פאַר דער דאָזיקער אַנטדעקונג 100 שקל זילבער.

דלילה האָט שפּאַסנדיק אָנגעהויבן אויספרעגן שמשונען: "זאָג מיר, איך בעט דיך, מיט וואָס איז דיין כוח אַזוי גרויס, און מיט וואָס קענסט דו געבונדן ווערן דיך צו פייניקן?"

שמשונען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז איר שפּילנדיקער קאַפּריז און האָט מיט פֿאַרשיידענע צוגעטראַכטע ענטפֿערס געפּרוווט צו באַפֿרידיקן איר נייגער. נאָר מיט יעדן טאָג זענען אירע פֿאָדערונגען, באַגלייטע מיט געוויין, אויס צו זאָגן איר דעם אמת, געוואָרן אַלץ עקשנותדיקער. און שמשון, וועלכער האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן טרערן פֿון פֿרויען, האָט ניט אויסגעהאַלטן און איר דערציילט: "אַ שערמעסער איז ניט אַרויפֿגעקומען אויף מיין קאָפּ" (...) "פֿון מיין מוטערס לייב אָן. אַז איך זאָל אָפּגעשאָרן ווערן, וועט זיך אָפּטאָן פֿון מיר מיין כוח, און איך וועל אָפּגעשלאַפֿט ווערן, און וועל זיין ווי אַלע מענטשן".

דעמאָלט האָט דלילה פֿאַרשלעפּערט "אויף איר קני" דעם ריז און צוטרוילעכן גיבור, און בעת זיין טיפֿן שלאָף האָט זי אַרויסגערופֿן אַ זעלנער, וועלכער האָט אָפּגעשאָרן שמשונס ווונדערבאַרע לאָקן "און די זיבן פֿלעכטן פֿון זיין קאָפּ". דעמלט האָט זי אים אויפֿגעוועקט און "אַ זאָג געטאָן: פּלישתים זענען אויף דיר, שמשון"... שמשון האָט תיכף פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט אים פֿאַראַטן און האָט אים איבערגעגעבן אין די שונאימס הענט. ס'איז, אָבער געווען שוין צו שפּעט. זיין כוח האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אים, און ער איז הילפֿלאָז איבערגעגעבן געוואָרן צו זיינע פֿיינט. זיי האָבן אויסגעשטאָכן זיינע אויגן און אַריינגעשליידערט אים אין געפֿענקעניש.

און דערנאָך האָבן די פּלישתים געפֿייערט דעם יום־טוב פֿון זייער גאָט דגון און האָבן אַריינגעפֿירט אין טעמפּל דעם בלינדן שמשון און צוגעקאָוועט אים צו די צוויי הויפּט־זיילן, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן דער דאַך פֿונעם טעמפּל. די פּלישתים האָבן געפֿאָדערט פֿון אים, אַז ער זאָל זיי פֿאַרווילן און לוסטיק מאַכן.

צו דער דאָזיקער צייט זענען שמשונס האָר ווידער אויסגעוואַקסן, און צו אים האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אומקערן זיין פֿאַרשווונדענער כוח. שמשון האָט זיך אָפּגעזאָגט אויספֿילן די שענדלעכע פֿאָדערונגען פֿון זיינע מערדער. אָנשטאָט דעם האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַ תפֿילה צו גאָט און מיט דעם באַוווסטן אויסגעשריי "תמות נפשי מות פּלישתים" - "לאָמיך שטאַרבן איז איינעם מיט די פּלישתים!" - האָט ער זיך מיט כוח אַ בויג געטאָן, "און דאָס הויז איז איינגעפֿאַלן אויף די פֿירשטן און אויפֿן גאַנצן פֿאָלק וואָס דרינען. און די טויטע, וואָס ער האָט געטייט ביי זיין טויט זענען געווען מער ווי די וואָס ער האָט געטייט ביי זיין לעבן".

שמשון איז פֿון די ערשטע טעג פֿון זיין לעבן און ביז צום טויט געווען געבונדן מיט די פּלישתים. ער האָט מיט זיי זיך געחברט, געשיכורט, געווען פֿאַרליבט אין זייערע פֿרויען, מיט זיי מלחמה געהאַלטן, זיי באַזיגט און צום סוף פֿון זיי באַזיגט געוואָרן. און מיט זיין לעצטן העלדנטאַט האָט ער זיך נוקם געווען אין זיי - אין זיינע און אין דעם יידישן פֿאָלקס פֿיינט.

* * *

אָנהויבנדיק פֿון דער רענעסאַנס־עפּאָכע איז דער סיזשעט "שמשון און דלילה" געוואָרן איינע פֿון די באַליבטע טעמעס פֿון דער קונסט און פֿון דער ליטעראַטור. אין דעם תנ"ך איז די דאָזיקע היסטאָריע איבערגעגעבן בצמצום און כמעט אָן פֿאַרבן און קאָלירן. אָבער אין דער מאָלעריי־קונסט און אין דער ליטעראַטור איז דער סיפּור־המעשה אָנגעפֿילט מיט אינערלעכע פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, און פֿאַרשיידענע דעטאַלן. עפּיזאָדן פֿון דער דאָזיקער היסטאָריע באַקומען בולטע פּילפֿאַרביקע פֿאָרמען און אַ הומאַניסטישן אינהאַלט.

אין די בילדער פון דעם פריען רענעסאַנס ווערט דלילה שטענדיק געמאָלט אין מאָדערנער באַקליידונג. אין אייניקע פון זיי איז זי פאַרגעשטעלט אַ נאַקעטע. באַנאַנד מיט איר געפינט זיך שטענדיק אַ קריגל מיט ווײַן, וואָס איז מרמז, אַז דלילה האָט אָנגעשיכורט שמשונען און מיט ווײַן אים איינגעשלעפערט, - און אַ גרויסע שער אין דער האַנט פון אַ פּלישתימשן קריגסמאַן.

פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע איז די שמשוניאַדע (ווי אויך אַנדערע פּאָרלעך־סיוזשעטן: "אַריסטאָטל און קאַמפּאַספּאַ", "ווערגיליוס און דעם אימפּעראַטאָרס טאָכטער", "העראַקל און אָמפאַלאַ") טראַנספאָרמירט געוואָרן אין אַן אַלעגאָריע וועגן דער אויבערמאַכט פון דער פרוי איבער דעם מאַן.

דער אוקראַאינישער פּאָעט און רעוואָלוציאָנער, איוואַן פראַנקאָ (1856–1916), זיצנדיק אין דער צאַרישער טערמע, האָט פאַרפאַסט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע פּאָעמע: "ווער קאָן ביישטיין די שיינהייט פון אַ פרוי". אין איר ווערט דערציילט, אַז דער אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער דער גרויסער איז אַריינגעפאַלן אין די ליבע־נעצן פון דער קורטיזאַנע קאַמפּאַספּאַ. זיין בעל יועץ, דער באַרימטער פילאָזאָף אַריסטאָטל, וועלנדיק אים אַרויסציען פון איר כישופדיקער מאַכט, האָט געוואָרנט דעם אימפּעראַטאָר, אַז פרויען קאָנען דערפירן צום טויט אַפילו די שטאַרקסטע מענער, דעמאָלט האָט אַלעקסאַנדער זיך געווענדט צו זיינע מיניסטאָרן מיט דער פראַגע: "ווער קאָן ביישטיין די צויבערקראַפט פון אַ פרוי?" די ענטפערס פון פאַרשיידענע מיניסטאָרן ("געלט", רייכטום, חכמה, כוח און גבורה) האָבן נישט באַפרידיקט דעם אימפּעראַטאָר, צום סוף, האָט ער זיך געווענדט צו אַריסטאָטעלן: "וואָס איז דיין מיינונג, דו קלוגער פון די קליגסטע"?

–אימפּעראַטאָר! - האָט אַריסטאָטל געענטפערט - "זיי וויסן, אַז נישט געלט, נישט חכמה און נישט כוח - נאָר טיפע זיקנה און גרויסע דערפאַרונג דערצו, - נאָר זיי קאָנען באַזיגן די צויבערקראַפט פון אַ פרוי".

אויסגעהערט אַריסטאָטלס ענטפער, האָט די קורטיזאַנע באַשלאָסן אויספּרוּוון אים און זיך נוקם זיין אין דעם ווייס־האָריקן זקן און גרעסטן חכם פון יענער צייט. זי האָט אַזוי צערייצט אַריסטאָטעלס תאווה, אַז ער האָט זיך דערקלערט אין ליבע און האָט זי געבעטן, זי זאָל ווערן זיין פרוי. זי האָט געפאָדערט, אַז דער פילאָזאָף זאָל דערווייזן זיין ליבע אויף אַן אָריגינעלן אופן: ער דאַרף זיך אויסטאָן נאַקעט און זי וועט פאַרבינדן מיט אַ טיכל זיינע אויגן. נאָך דעם דאַרף ער זיך שטעלן אויף אַלע פיר, זי וועט זיך רייטנדיק אַוועקזעצן אויף אים. און אין אַזאַ פּאָזע זאָל ער מיט פאַרבונדענע אויגן זי אַ ביסל אַרומפירן. אַריסטאָטעלס האָט אויסגעפילט דעם דאָזיקן באַדינג און אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַריסטאָטל, אין דער באַשריבענער אומווערדיקער פּאָזע, געשטאַנען פאַר דעם אימפּעראַטאָרס אויגן. אַ פאַרשעמטער, האָט אַריסטאָטל אויסגערופן: "אָ, צעזאַר! ניט זיקנה און ניט דעאַפאַרונג קאָנען ביישטיין, נאָר אַ בלינדער און אַ טויטער דערצו, - נאָר זיי קאָנען ביישטיין די צויבערקראַפט פון אַ פרוי"!

די אידעע, אַז די פרוי בייאַנפלוסט די מענער און הערשט איבער די שטאַרקסטע פון זיי, איז אויסגעדריקט אין דעם מיטאָס וועגן הערקלען און דער קיניגן אָמפאַלאַ. זי האָט פאַרוואָנדלט הערקלען אין איר קנעכט און האָט אים איינגעליבט אין זיך. מוזנדיק אויספילן איר אַלע ווילדע באַגערן, האָט דער פריער פון קיינעם נישט באַזיגטער ריז, געמוזט טראָגן ווייבערשע קליידער, צירונגען און פאַרנעמען זיך מיט שפינערײַ.

ס'איז אויך באַוווּסט די פון באָקאַטשיאָ דערציילטע היסטאָריע וועגן דעם רומפולן רוימישן פּאָעט ווערגיליוס, וועגן זיין ליבע צו דעם אימפּעראַטאָרס טאָכטער. זי האָט אָפּגעשפּילט מיט אים אַ בייזן שפּאַס און אַרויסגעשטעלט אויף חוזק - זי האָט געהייסן ווערגיליוסן אַרויפקומען צו איר אין טורעם, זיצנדיק אין אַ קויש, וועלכן עס האָט מיט אַ שטריק אַרויפגעצויגן אַ קנעכט. ווען ווערגיליוס איז שוין געווען אין מיטן וועג, האָט זי באַפוילן אָפּשטעלן דעם קויש, און דער באַרימטער פּאָעט איז געבליבן הענגען אין קויש צו לייטישן געלעכטער.

די טראָגישע היסטאָריע פון שמשון און דלילה, איז במשך פון יאָרהונדערטער פאַרבליבן ווי איינע פון די באַליבסטע טעמעס אין דער קונסט און ליטעראַטור, אָנהויבנדיק פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע (האַנס סאַקס - די טראַגעדיע "שמשון", 1556, און אַ ריי אַנדערע פּיעסן). צווישן די ווערק פון 17־טן י.ה. טיילט זיך אויס די דראַמע פון דזש. מילטאָן - "שמשון דער קעמפּער" (1671) אין 18־טן יה. זענען פּירעפּנטלעכטעט געוואָרן אַ פּאָעמע "שמשון" פון או. בלייק (1783) און אַ פּיעסע אין פּערזן פון מ. לוצאַטאָ: "שמשון והפלישתים", (1727), וואָס איז מער באַוווּסט אונטערן נאָמען "מעשי שמשון" (שמשונס אויפטוונגען"); אין 19 י.ה. האָבן אויף דער דאָזיקע רטעמע געשריבן אַ. קאַרינאָ (1820), מיכאַי טאָמפּ (1863), אַ. דע וויניי (1864); אין 20־טן י.ה. האָט זיך צו דער טעמע געקערט דער באַוווּסטער רוסישער שרייבער לעאָניד אַנדרעיעוו א.אַ. אין רוסיש האָט וו. זשאַבאָטינסקי פאַרפאַסט אַ ראָמאַן "סאַמסאָן נאַזאַריי", (1927, ווידער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ירושלים, אין דער אויסגאַבע ""ביבליאָטעקאַ באַאַליאַ". אין 1990) און אין 1951 האָט דערזען די שיין ל. גאָלדבערגס ראָמאַן "אהבת שמשון" (שמשונס ליבע).

בילדער אויף דער טעמע "שמשון און דלילה" האָבן בשעתם געמאָלט אַ. מאַנטעניע, טיטאָרעטאָ, ל. קראַנאַך, רעמבראַנט, וואַן דעיק, רובענס א.אַ.

אין דער מוזיק איז די שמשונאַידע אויסגעדריקט אין אַ ריי אָראַטאָריעס און אָפּערעס פון איטאַליענישע קאָמפּאָזיטאָרן (ווערדאַטשיני, 1595; אַ. סקאַרליאַטי, 1696 א.אַ.), פראַנצויזישע - (אָפּערע אויף דער ליברעטאָ פון וואָלטערן 1732); דער דייטשישער קאָמפּאָזיטאָר ג. הענדעל האָט אויף דער אויבן דערמאָנטער מילטאָנס דראַמע, "שמשון דער קעמפּער" (1744). פאַרפאַסט אַן אָראַטאָריע. די ברייטסטע אָנערקענונג און פּאָפּוליאַריטעט האָט באַקומען די אָפּערע פונעם פראַנצויזישן קאָמפּאָזיטאָר ק. סען־סאַנס "שמשון און דלילה" (1877).

אַלע ווערק פון פאַרשיידענע פּאָעטן, שרייבער און מאָלערס זענען געווידמעט דער אייביקער טעמע "פאַרפירעשאַפט און ליבע", וואָס שלמה המלך האָט בשעתו אויסגעדריקט אין איין פּסוק: "אישה רעה מר ממות" - "אַ שלעכטע פרוי איז ערגער פון דעם טויט. איר האַרץ זענען פּאַסטקעס און נעצן: - אירע הענט זענען בענדשטריק" (קהלת, ח, 26)

גרוניא סלוצקי־קאהן / מאָנטרעאָל

# די נאַכטיגאַל און דער אָדלער
## (משל)

עס איז אַ נאַכטיגאַל פון וואַלד אַנטלאָפן
און זיך באַזעצט אויף אַ הויכן פעלדז,
ניט ווייט פון אָדלערס נעסט.
״וואָ טוסטו דאָ״? פרעגט דער אָדלער.
״כ׳האָב ניט דערוואַרט ״אַזעלכע געסט״.

״כ׳וויל דאָ אַ ביסל מוזיצירן,
פאַרוויגן דיינע עופעלעך אין נעסט.
אין וואַלד טוט מען מיט מיר שטאָלצירן,
דו ווייסט, ווי שיין איך זינג? אַ פראַכט״.

דער אָדלער אין אַ ווילדער פויגל:
״ווער דאַרף די טרעלן דיינע ביז פאַרנאַכט?
פאַרלאָז מיין פעלדז, אויב ווילסט נאָך לעבן.
ווער האָט דיר דאָס רעכט געגעבן,
זיך צו באַזעצן אויף מיין פעלדז״?

״פאַרגלוסט האָט מיר זיך אויף אַ רגע,
צו פליען הויך, אַזוי ווי דו,
און זינגען אויף אַ הויכן פעלדז,
עס זאָל קיין פויגל מיר ניט שטערן,
קיין ווינטעלע זאָל מיך ניט הערן,
נאָר דו אַליין, אָדלער קרוין״.

דער שטאָלצער אָדלער האָט אַ קוק געטאָן אין שפיגל,
אַ פאָך געגעבן מיט די פליגל,
און יאָגט די נאַכטיגאַל פון פעלדז:
״איך וויל ניט הערן דיין געזאַנג!!!״
״עס טוט מיר באַנג, עס טוט מיר באַנג״...

אליביידער / ירושלים

# וועגן נתן זאַבאַרע און זיין אַרכיוו

נתן זאַבאַרע (1908–1975), דער יידישער ראָמאַניסט, מחבר פון אַ ריי ווערק, האָט נישט אויסגעמיטן דעם גורל פון אַנדערע שאַפער פון יידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. פון 1950 ביז 1956־סטן יאָר איז ער געזעסן אין טורמע. אָבער אַפילו דאָרט האָט ער פאַרגעזעצט באַהעפטן די אַרעסטירטע יידישע יוגנטלעכע מיט יידישקייט, געפראַוועט אין לאַגער יום־טוב פסח. נאָך סטאַלינס טויט ווערט ער רעהאַביליטירט, קומט קיין קיעוו און ווערט דאָרט צווישן די ערשטע אומלעגאַלע עברית־לערער.

דאָרט שרייבט ער זיין באַוווסטן ראָמאַן "גלגול החזור" (אַלץ חזרט זיך איבער), וועגן לעבן פון די יידן אין שפּאַניע און פּראָוואַנס און 11–12 י"ה. דער ראָמאַן איז געוואָרן דאָס וויכטיקסטע ווערק אין זיין יצירה. וועגן דעם ראָמאַן שרייבט דער ליטעראַטאָר און איבערזעצער אברהם בעלאָוו: "שרייבן אין ראַטנפאַרבאַנד אַ ראָמאַן, אין וועלכן די הויפּט־פּערסאָנאַזשן זענען גיגאַנטן פון יידישן גייסט: רמב"ם (משה בן מיימון), זיין מיטצייטלער דער געניאַלער דיכטער אַלחריזי א"אַ גרויסע שרייבער איז אַ שעפערישע העלדישקייט. צוליב דעם דאַרף מען האָבן נישט נאָר אַ טאַלאַנט, נאָר אויך בירגערלעכן מוט און טיפע קענטענישן אין געשיכטע, קענען שעפן פון דאָרט".

דער הויפּטמאָטיוו פונעם ראָמאַן איז דער גורל פונעם באַוווסטן רופא און הומאָריסט יאָעל זאַבאַרע. דער מחבר באַקענט דעם לייענער מיט די גרויסע פּערזענלעכקייטן פון דער גאָלדענער תקופה אין דער יידישער פּאָעזיע און פילאָזאָפיע אין שפּאַניע.

די ערשטע דריי טיילן פונעם ראָמאַן זענען דערשינען אין מאָסקווער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" שוין נאָך דער פּטירה פון נתן זאַבאַרע. ווי אַ נישט פאַרענדיקטער און ווי געוויינלעך פאַרן סאָוועטישן רעזשים, אַ שטאַרק צענזורירטער. דעריבער איז נתן זאַבאַרע אין 1971 יאָר געקומען צו מ. מאַרגוליסן קיין מאָסקווע מיטן כתב־יד פונעם ראָמאַן אויף 300 זייטן. ער האָט אים געבעטן מאַכן אַ פאָטאָקאָפּיע פונעם כתב־יד און זי איבערשיקן אומלעגאַל קיין ישראל מען זאָל עס דאָרט דרוקן. מיט דער הילף פונעם פאָטאָגראַף באָריס סווערדלאָוו, וועלכער לעבט איצט אין ישראל, איז די אַרבעט געמאַכט געוואָרן און איבערגעשיקט קיין ישראל.

דעם 4־טן פעברואַר 2001 האָט די נאַציאָנאַלע אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים איינגעשלאָסן אין אירע פאָנדן דעם ליטעראַרישן אַרכיוו פון נתן זאַבאַרע און צווישן זיי געפינט זיך אויך דער ראָמאַן "גלגול החזור", וואָס באַשטייט פון 2 בענד, בריוו צו מ. מאַרגוליסן און אברהם בעלאָווס בוך "ריטער פון עברית", דער זשורנאַל "מנורה" נומ' 17, און וועלכן עס איז פאַראַן בעלאָווס איבערזעצונג פון דעם 1־טן טייל פונעם ראָמאַן אויף רוסיש, ווי אויך פראַגמענטן וועגן זאַבאַרעס אויספאָרשונגען אין די קעלערן פון ק.ג.ב. אין דעם אַרכיוו זענען אויך פאַראַן אָפּרופן און אַרטיקלען וועגן זאַבאַרעס יצירה פובליקירטע אין ישראל, אַמעריקע, מעקסיקע, פוילן א"א לענדער.

ווי עס האָט געשריבן פּראָפ' שמערוק ז"ל, האָט זאַבאַרעס בוך, וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע, שטאַרק געליטן פון דער דאָרטיקער צענזור. עס זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן אַ סך אַפאָריזמען, העברעישע באַגריפן און אויך וועגן די באַציונגען צווישן יידן און אַראַבער, ווי עס האָבן געפאָדערט די באָלשעוויסטישע מנהיגים פון יענער צייט.

פאַר זיין פּטירה האָט נתן זאַבאַרע אין אַ שמועס מיט מ. מאַרגוליסן עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: "איך בעט פובליקירן מיין בוך אין ישראל און זאָג זיך אָפּ פון האָנאָראַר". דאַרף דאָס טאַקע מקוים ווערן.

# זינגענדיק און טאַנצנדיק

## (אַ באַגעגעניש מיט זשעני פּייערמאַן)

אָט אַזוי - זינגענדיק און טאַנצנדיק האָט די באַוווסטע יידישע אַקטריסע זשעני פּייערמאַן "אַריינגעטאַנצט" אויף עטלעכע טעג קיין לאָס־אַנדזשעלעס אין איר וועג פון ישראל קיין בראַזיל, ווו זי וועט אויפטרעטן מיט אייניקע קאָנצערטן פאַרן אָרטיקן יידישן עולם. געווען איז עס גראָד פּסח־צייט און ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט אויפצונעמען זי ווי געהעריק, אָדער געניסן פון אירס אַן עפנטלעכן קאָנצערט אין שטאָט. איז עס אוודאי אַ גרויסער שאָד און אַ היזק פאַרן היגן יידישן עולם. אפשר וועט זיך איינגעבן צו פאַרגיטיקן דעם היזק ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

אַ קליינע גרופּע היגע יידישע קולטור־טוער האָט פון דעסטוועגן געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַגעגענען מיט דער אַקטריסע אויף אַ מסיבה אינעם גאַסטפריידלעכן הויז פון לילקע מייזנער, דער פאָרזיצערין פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב, און אויך זען אויפן "גלעזערנעס עקראַן" אַ מוסטער פון זשעני פּייערמאַנס אַקטיאָרישער קונסט. דאָס ערשטע וואָס קומט אויפן זינען זעענדיק און הערנדיק זי זינגען און טאַנצן איז - פּייער -- מאַן, איר נאָמען, וואָס אַסאָציאירט זיך אַזוי שטאַרק מיט איר קונסט, און וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט זיין - פּייער - - פרוי... זשעני איז פּייער אויף דער בינע און אויך אין דער פּערזענלעכער באַרירונג מיט מענטשן.

עס איז, מסתמא, די לאַנגע פּראַקטיק אויף דער יידישער בינע וואָס האָט געווירקט, אַז זשעני זאָל פון דער סאַמע ערשטער רגע אָנבינדן אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט דעם צוהערער, און איר קוועקזילבערדיקע רירעוודיקייט זאָל זיך אים איבערגעבן. איז טאַקע אַ פאַרגעניגן מיט איר צו פאַרברענגען, און נאָך אַ גרעסערער פאַרגעניגן צו זען און הערן איר אינטערפּרעטאַציע פון יידישן פאָלקס־ליד און טאַנץ, וואָס זי פירט אויס מיט אַלע פאָלקישע "קנייטשן" און תנועות.

זשעני פּייערמאַן, וואָס שטאַמט פון רוסלאַנד, האָט שוין פון די יינגסטע יאָרן אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צום זינגען און טאַנצן. און אָנגעהויבן איר קאַריערע האָט זי טאַקע מיט רוסישע פאָלקס־לידער. איר טאַלאַנט האָט זיך אָבער ערשט אויף רעכט אַנטוויקלט ווען זי איז, נאָך דער מלחמה, אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד מיט איר מאַן אבל, וועלכער האָט געשטאַמט פון פוילן, און זי האָט שפּעטער אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין פּאַריז און אין מדינת ישראל. געשפּילט האָט זי מיט פאַרשיידענע טעאַטער־אַנסאַמבלען, אָבער אָפּגעפונען זיך האָט זי ערשט ווען זי האָט געשאַפן אַ "גרופּע" פון איין אַקטיאָר. פון דעמאָלט אָן פאָרט זי איבער דער גרויסער וועלט, טראָגנדיק דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט צו צענדליקער יידישע ישובים, ווו זי ווערט אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם דורכן יידישן עולם.

ווו האָט זי אַלץ נישט אָנגעשפּאַרט, זשעני פּייערמאַן, מיט איר יידישן ליד און טאַנץ? פון ישראל ביז פּאַריז און מאָסקווע, פון דרום־און צפון־אַמעריקע ביז אויסטראַליע, אומעטום האָט זי געבראַכט מיט זיך דאָס געלייטערטע יידישע וואָרט וואָס זי טראָגט מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט. און דאָס פּובליקום דאַנקט איר מיט דעם זעלבן.

און כאָטש מיר האָבן געהאַט בלויז אַ קורצע געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך מיט דער אַקטריסע, האָבן מיר זי אויך ליב באַקומען. און ווינטשנדיק איר אַ צדה לדרך, האָפן מיר, אַז מיר וועלן נאָך האָבן אַ געלעגנהייט זי צו זען און הערן אין לאָס־אַנדזשעלעס.

מ.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* **צבי אייזנמאַן**: "ביים ראַנד פון חלום", דערציילונגען און בילדער, 150 זז', י.ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 2001, הילע - יאָסל בערגנער. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פֿאַלגנדיקע קאַפּיטלען: אויטאָביאָגראַפּיע אויף איין פֿוס; פֿאַנטאַסטישע וואָרהייטן; אינערלעכע פּייזאַזשן; נאַכטיקע מיראַזשן. צוזאַמען עטלעכע און דרייסיק קורצע דערציילונגען און בילדער, וואָס שטייען טאַקע ביים סאַמע ראַנד פֿון חלום, אָבער צייטנווייז שפּאַנען זיי אַריבער דעם גבול פֿון חלום און וואָר און באַשאַפֿן אַן אייגנאַרטיקע וועלט פֿון רעאַליסטישער פֿאַנטאַזיע, באַהויכט מיט דעם פּאָעטישן אָטעם פֿונעם דערציילער.

Cwi Ajzenman: "Na krawedzi snu", Oficyna Bibliofilów, Lodz 2001

דאָס בוך קורצע דערציילונגען, בילדער און מיניאַטורן פֿון **צבי אייזנמאַן** האָט איבערגעזעצט פֿון יידיש אויף פּויליש **אַננאַ טשוויאַקאָווסקאַ**. אינעם בוך פֿון 96 זז' קומען אַריין אייניקע שאַפֿונגען פֿינעם מחבר וואָס זענען פֿאַראַן אינעם יידישן בוך אונטער דעם זעלבן נאָמען (ביים ראַנד פֿון חלום), ווי אויך אַ צאָל אַנדערע שאַפֿונגען זיינע. אין אַ בריוו צו דער איבערזעצערין שרייבט צבי אייזנמאַן צ"א: "עס איז צו באַוווּנדערן ווי האַרמאָניש איר האָט אַריבערגעפֿירט מיינע יידישע ווערטער אין דער פּוילישער שפּראַך... ווי אייך האָט זיך איינגעגעבן אָן אַ פּגם צו פֿאַרהיטן אין פּוילישן לבוש דעם ריטעם, קאָלאָריט און בכלל די נשמה פֿון די שאַפֿונגען". צי וועט עס אָפּפֿילן דער פּוילישער לייענער?

* **"וואָרטבילד"**, זאַמלבוך פֿון פֿאַראיין פֿון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל. די ערשטע צוויי נומערן, תל־אביב 2000 און 2001. רעדאַקטאָר - **לעוו בערינסקי**. מיטרעדאַקטאָר - **צבי סמאָליאַקאָוו**. צו דער רעדקאָלעגיע געהערן: **רבקה באַסמאַן בן־חיים**, **אהרן גאַראָן** און **משה לעמסטער**.

ביינאַנד מיט דעם זשורנאַל "מיטלפּונקט", אַרויסגעגעבן דורך דער מלוכישער אינסטאַנץ פֿאַר יידישער קולטור, איז "וואָרטבילד" מיט זיין רייכן אינהאַלט און עסטעטישער גראַפֿישער פֿורעמונג אַ ווירדיקער באַווייז פֿון דער וויטאַלקייט פֿון יידיש־שאַפֿן אין ישראל און אין די תפוצות. צוזאַמען מיט אָנגעזעענע יידישע שרייבערס פֿון ישראל, ווי הדסה רובין, וועלכע עפֿנט דעם ערשטן נומער פֿון "וואָרטבילד" מיט אַ ציקל לידער; **צבי אייזנמאַן**; **אַלכסנדר שפּיגלבלאַט**; **יענטע מאַש**; **רבקה באַסמאַן בן־חיים**; **יצחק לודען**; **יאָסל בירשטיין**; **יששכר פֿאַטער**; **צבי סמאָליאַקאָוו**; **לעוו בערינסקי**; **משה לעמסטער**; **וועלוול טשערנין**; **גריגאָרי קאַנאָוויטש** א"א. באַטייליקן זיך אויך אינעם זאַמבלוך יידישע שרייבערס פֿון אַנדערע לענדער: **באָריס סאַנדלער**; **חייםביידער**; **עזריה דאָברושקעס**; **משה שקליאַר**; **שלום בערגער**; **שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש**; **טאָמאַס מאָסבערגער** א"א.

מיר ווינטשן דעם נייעם זאַמלבוך פֿון פֿאַראיין פֿון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל און זיינע רעדאַקטאָרן אריכת ימים!

* **"די צוקונפֿט"**, אַרויסגעגעבן פֿון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק יאַנואַר־מאַרץ 2001, רעדאַקטירט פֿון אַ קאָלעגיע.

* **"יידישע קולטור"**, חודש־שריפֿט פֿונעם יידישן קולטור־פֿאַרבאַנד, ניו־יאָרק יולי־אויגוסט 2000, רעדאַקטאָר - **איטשע גאָלדבערג**; **שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש**

- רעדאַקציע־סעקרעטאַר.

* **"אויפֿן שוועל"**, אָרגאַן פֿון דער יידיש־ליגע, ניו־יאָרק יאַנואַר־מאַרץ 2001. רעדאַקטאָר - **מרדכי שעכטער**. דער נומער עפֿנט זיך מיט אַ רעדאַקציע־אַרטיקל לכבוד 60 יאָר "אויפֿן שוועל", וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער: "...קוקן מיר אַרויס מיט בטחון אויפֿן פֿינעף און זעכציקסטן יובל, אויפֿן זעבעציקסטן - אויפֿן הונדערט און צוואַנציקסטן און ווייטער". איז עס אַ ווונטש, וועלכן עס טיילן אַלע יידיש־ליבהאָבער. הלוואי זאָל ער מקוים ווערן!

* **"יידישע העפטן"**, פּאַריז יוני 2001. רעדאַקציע־קאָמיטעט: **הענרי בולאַווקאַ, קלאָד האַמפּעל, מרדכי לערמאַן, מילכה שולשטיין** און **שאַרל זאַבוסקי**. מיט דעם נומער איז דער זשורנאַל אַריין אין זעקסטן יאָר פֿון זיין עקזיסטענץ. היינטיקע צייטן איז עס אַ גרויסע דערגרייכונג פֿאַר אַ יידישער צייטשריפֿט וואָס פֿילט אויס אַ בלויז אינעם אַ מאָל רייכן יידישן קולטור־לעבן פֿון דער פֿראַנצויזישער מעטראָפּאָליע. ווינטשן מיר אונדזערע פֿריינד - די פּאַריזער יידיש־עקשנים אריכת ימים!

* **"לעבנס־פֿראַגן"**, סאָציאַליסטישע חודש־שריפֿט פֿאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפֿט און קולטור. תל־אביב מאַרץ־אַפּריל 2001. רעדאַקטאָר - יצחק לודען.

* **"אונדזער צייט"**, אָרגאַן פֿון קאָאָרדינירן־קאָמיטעט פֿון בונד, ניו־יאָרק מאַרץ־אַפּריל 2001. רעדאַקטירט פֿון אַ קאָלעגיע.

* **"דוד האָפּשטיין פּרייז"**, תל־אביב יוני 2001. בראָשור אַרויסגעגעבן צו דער יערלעכער פֿאַרטיילונג פֿונעם פּרייז א"נ פֿונעם אומגעבראַכטן גרויסן סאָוועטיש־יידישן דיכטער דוד האָפשטיין. די היי־יאָריקע פּרעמיע האָבן באַקומען דער געוו. ספּיקער פֿון דער יידישער ראַדיאָ־אוידיציע אין ישראל, רעציטאַטאָר און טעאַטראַל **מיכאל בן־אברהם** (**ווײַנאַפּעל**) און דער שרייבער **מישע לעוו**.

## "טאָלפּלפּונקט"

האַרט פֿאַרן שליסן דעם נומער האָבן מיר באַקומען פֿון ישראל (מיט אַ גרויסער פֿאַרשפּעטיקונג) די ערשטע צוויי נומערן פֿונעם זשורנאַל **טאָלפּלפּונקט**, אַרויסגעגעבן דורך דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פֿאַר יידישער קולטור, אונטער דער רעדאַקציע פֿון **יעקב בעסער**. דער זשורנאַל איז ביז גאָר רייך אין אינהאַלט און פֿאָרעם. עס ווילט זיך ציטירן בלויז אייניקע שורות פֿונעם וואָרט פֿריער: "דער דאָזיקער נומער (...) איז נאָך נישט די שוואַלב וואָס וועט ברענגען דעם נייעם בלי פֿון אונדזער דורותדיקער, רייכער ליטעראַטור, אָבער די קומענדיקע נומערן "טאָלפּלפּונקט" וועלן זיכער ווערן אַ פֿרילינגווינט." וואַרטן מיר מיט אומגעדולד אויף דעם אָפּפֿרישנדיקן ווינט וואָס זאָל פֿונאַנדערבלאָזן די שוואַרצע כמאַרעס וואָס הענגען איבערן יידישן קולטור־הימל.

יוסף סאָסקי

# 75 יאָר ייִדישער קולטור-קלוב
# און 55 יאָר "חשבון"
### (אַ ביסל געשיכטע)

דער לאָס־אַנדזשעלעסער ייִדישער קולטור־קלוב איז געגרינדעט געוואָרן אין 1926 לויט דער איניציאַטיוו פון אליהו טענענהאָלץ, מיט דער מיטהילף פון אַ קליינער גרופּע ייִדיש־ליבהאָבער: באָריס ווינער, חייקע גאַרפינקל, אַ. וואָהלמאַן, ד"ר נתן זאַלצמאַן, לואי האַמבורגער, י.ל. מאַלאַמוט, שערמאַן און זיין פרוי און יצחק פרידלאַנד. זיי האָבן צוגעצויגן אַ צאָל מענטשן, פרייע פון ענג פּאַרטייאישער אָנגעהעריקייט, איבערגעגעבענע צום ייִדישן וואָרט און ייִדישער קולטור, און געשאַפן אַ היימישע סביבה פאַר ייִדישע קולטור־מענטשן. אַן וועלכער עס איז ספּעציפישער פּלאַטפאָרמע.

אינעם 1־טן נומער "חשבון", אַרויסגעגעבן דורכן קלוב אין יאַנואַר 1946, שרייבט יצחק פרידלאַנד: (זייט 17) *"אונדזער ענטפער צו אַלעמען איז כסדר געווען און איז אויך איצט דער זעלביקער: דער ל.א. ייִדישער קולטור־קלוב איז געווען, איז, און איך האָף ער וועט ווייטער אויך זיין: נישט "רעכט", סאָציאַליסטיש, ציוניסטיש, און נישט "לינק" קאָמוניסטיש. דער קולטור־קלוב וועט, ווי ביז איצט, פירן זיין איבער פּאַרטייאישע קולטור־טעטיקייט, העלפן און שטיצן אַלץ וואָס איז ייִדיש, נאַציאָנאַל און קולטורעל, האַלטן הויך די ייִדישע קולטור אַספּיראַציעס, העלפן דערהויבן דעם ייִדישן קולטור־מצב און טריי זיין די אינטערעסן פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן ווו און אין וועלכן לאַנד זיי זאָלן נישט זיין".*

די דאָזיקע געדאַנקען, אַרויסגעזאָגטע אין 1946, זענען אויך היינט, מיט קליינע ניואַנסן, ריכטיק און אַקטועל.

אין דעם זעלבן נומער "חשבון" טיילט זיך אליהו טענענהאָלץ מיט זכרונות וועגן די ערשטע טריט פון דעם נייעם קלוב: (זייט 54) *"באַלד אין די ערשטע עטלעכע חדשים פונעם קלובס זיין דאָ, האָבן מיר געיום־טובט אונדזער ערשטן יום־טוב פסח, משפּחהדיק. אונדזערע קלוב־צימערן זענען געווען ערגעץ אויף אַ משונהדיקן באַרג, העט ווייט, אויפן וועג צו גלענדייל אַזש. מיר האָבן געמיינט, אַז אחוץ אונדזערע פאַר צענדליק מיטגלידער וועט קיינער נישט קומען אויף אַזאַ משונהדיקן באַרג צו פּראַווען פסח, אַ צווייטן סדר, און דערצו נאָך טראַדיציאָנעל ייִדיש, אָבער געקומען זענען אַריבער הונדערט מענטשן צו אונדז."*

ביי דער עפענונג פון 45־טן זמן דעם 24־טן אָקטאָבער 1970 האָט טענענהאָלץ ווידער זיך געטיילט מיט דערמאָנונגען וועגן דער גרינדונג פון קלוב. און אָט וואָס ער שרייבט: ("חשבון" נומ' 61–62 זייט 88) *"דאַרף איך דען זאָגן אַז ס'איז מיר גוט אויף דער נשמה צו שטיין דאָ היינט און קענען כאַפּן אַ קוק אויפן נעכטן?... כ'מיין דעם "נעכטן" פון צוריק מיט 44 יאָר (...)"*

*דאָ אין דער מלאכים־שטאָט, בין איך געווען אַ גרינער, אין גאַנצן אַ 5־6 חדשים. געקענט האָב איך דאָ איינעם אַ תושב מיינעם, אַ חבר פון "פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב" לואי האַמבורגער. איך האָב אויך געוווּסט, אַז דאָ געפינען זיך צוויי מיטגלידער פון ניו־יאָרקער "שנאָרער געזעלשאַפט" - באָריס ווינער און חייקע גאַרפינקל און אויך אַ ייִד וואָס איך האָב געקענט פון קליוולאַנד, דעטראָיט, מילוואָקי, און שיקאַגאָ. איך פלעג אים דאָרט באַגעגענען יעדן יאָר ווען איך בין אַרומגעפאָרן מיט שוואַרצעס קונסט־טעאַטער נאָכן סעזאָן אין ניו־יאָרק צו שפּילן טעאַטער פאַר די ייִדן אין די שטעט און שטעטלעך פון אַמעריקע און קאַנאַדע. דאָס איז געווען י.ל. מאַלאַמוט, אַן אָפּטער גאַסט ביי מיר אין האָליווד... איך האָב אים געבעטן צונויפבריינגען אַ 10־15 ייִדן, ייִדישע ייִדן, וואָס זאָלן גערן אויפּצובויען דאָ אַ ווינקעלע מיט אַ ייִדישער סביבה (...)*

*צווישן די צונויפגערופענע פאַרזאַמלטע, אחוץ די שוין פריער אויסגערעכנטע, איז אויך געווען איינער אַ ד"ר גאָלפּערין מיט זיין פרוי און נאָך אַ 3־4 יידן, איז ווי נאָר אָט דער ד"ר גאָלפּערין האָט אויסגעהערט מיין "ספּיטש", ווי איך האָב דערקלערט וואָס פאַר אַ סאָרט קלוב איך וויל גרינדן, האָט ער זיך צעלאַכט און מיר געגעבן אַ שכלדיקע עצה (ער האָט גערעדט רוסיש, ווי עס "דאַרף" רעדן אַ יידישער אינטעליגענט): טאָוואַרישטש, מיטן יידישן יאַזיק ("יאַזיק" אין רוסיש האָט צוויי טייטשן: לשון און צונג)... פּאָניעמאַיעטע, מיטן יידישן יאַזיק איז גוט צו עסן קוגל, אָבער נישט זאַניעמאַיען זיך מיט סטיכאָטוואָרעניעס און איסקוסטוואָ... אַזאַ "קרוזשאָק" ווי איר ווילט גרינדן דאָ איז, מעזשדו פּראָטשים, אַן אַפּענדיקס וואָס מען דאַרף אויסשניידן, אַ יעווריעסקי קלוב אין גאָליוווד ניע בודיעט סוקסעס..."*

*נו, איצט זעט איר שוין, ליבע פריינד, אַז מיר איז אַ 44־פאַכיקע פרייד צו שטיין דאָ היינט, אַן עלטערער ייד, אָבער נישט קיין "אַלטער" ייד, און רעדן פון דעם "קרוזשאָק" וועמען יענער דאָקטאָר האָט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן..."*

אַ קורצע צייט שפּעטער, אין יוני 1971, איז אליהו טענענהאָלץ געשטאָרבן. אָבער נישט דער קלוב.

די געשיכטע פון אונדזער קלוב קאָן מען איינטיילן אין דריי פּעריאָדן: פון 1926 ביז 1945; פון 1946 ביש 1972, און פון 1974 ביז היינטיקן טאָג.

**דער ערשטער פּעריאָד.**

ליידער האָבן מיר כמעט אין גאַנצן נישט קיין אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן פון יענער צייט. וואָס עס איז יאָ דאָ, איז זכרונות געשריבענע אין די שפּעטערדיקע יאָרן. דערוויסן מיר זיך פון זיי, אַז פאַר אַן ערך 20 יאָר האָט דער קלוב געפירט זיין טעטיקייט אין געדונגענע זאַלן. יעדן שבת צו נאַכט זענען פאָרגעקומען ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס, קאָנצערטן און פייערונגען פון יידישע יום־טובים. דער קלוב האָט אויך אָרגאַניזירט יידישע קונסט־און ביכער־אויסשטעלונגען. אין משך פון די צוואַנציק יאָר זענען אין קלוב אויפגעטראָטן אָנגעזעענע יידישע שרייבער, קינסטלער און געלערנטע פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען. בלויז צו דערמאָנען אַ פּאָר נעמען: ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ה. לייוויק, דוד פּינסקי, מ. אָלגין, זלמן שניאור; די אַרטיסטן און וואָרט־קינסטלער: רודאָלף שילדקרויט, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, פּאול מוני, מאָריס שוואַרץ, בן עמי, נח נאַכבוש, מאָלי פּיקאָן, יעקב קאַליך, קורט קאַטש, און די תושבים פון לאָס־אַנדזשעלעס; ה. רויזענבלאַט, פּראָפ. לעמקאָוו, פּרץ הירשביין, פּינטשע בערמאַן, פייגעלע פּאַניץ, בן באָנוס, חיים קאַטיליאַנסקי, חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט, אליהו טענענהאָלץ און אַנדערע.

אַ פּאָר יאָר האָט עקזיסטירט ביים קלוב אַ יוגנטלעכע דראַמאַטישע סטודיע אונטער דער אָנפירונג פון אַ. טענענהאָלץ. אַ צווייטער פּרווו צו אָרגאַניזירן אַ יוגנט־גרופּע איז געמאַכט געוואָרן אין 1936, אָבער אויך אָן דערפאָלג.

אין 1939 האָט דער קלוב אַרויסגעגעבן אַ חודש שריפט א"נ "אונדזער וואָרט". עס זענען דערשינען בלויז פיר נומערן אונטער דער רעדאַקציע פון ה. רויזענבלאַט, ה. גאָלד און יצחק פרידלאַנד.

**דער צווייטער פּעריאָד.**

אין 1945 האָט דער קלוב אויפגעבויט אַן אייגענע געביידע אויף מאָנראָ גאַס. די דערעפענונג איז פאָרגעקומען אין יאַנואר 1946. לכבוד דעם חנוכת־הבית און דעם 20־טן יובל פון קלוב איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זשורנאַל פון 120 זייטן א"נ "חשבון". די רעדאַקטאָרן זענען געווען: ה. רויזענבלאַט, יצחק פרידלאַנד און אליהו טענענהאָלץ. אחוץ אינפאָרמאַציע וועגן די טעטיקייטן פון קלוב און דערינערונגען וועגן די פריערדיקע

יאָרן, ווערט אין זשורנאַל אויך איבערגעגעבן וועגן די טעטיקייטן פון אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס־אַנדזשעלעס און אַ ביסל געשיכטע פון יידישן לעבן. עס זענען אויך געדרוקט לידער פון ה. רויזענבלאַט, פּינטשע בערמאַן און ברכה קודלי. אין יענעם פּעריאָד, האָבנדיק אַן אייגענע חיים, האָט דער קלוב זיך שטאַרק אַנטוויקלט און געפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט. אחוץ די שבת־צו־נאַכטן זענען במשך עטלעכע יאָר פאָרגעקומען קולטור־אָוונטן אויך דאָנערשטיק. דער באַזוך איז אָבער געווען נישט קיין גרויסער, האָט מען פאַרוואַנדלט די מאָנטיקדיקע פאַרוואַלטונג־זיצונגען אין קולטור־צוזאַמענטרעפן. פאַר אַ סך יאָרן זענען די מאָנטיק־אָוונטן געווען דערפאָלגרייך. אין 1948 איז געמאַכט געוואָרן אַ דריטער פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ יוגנט־גרופּע. דאָס מאָל זענען עס געווען "יוגנטלעכע" פון 25 ביז 35 יאָר. די מערהייט פון זיי האָט נישט גערעדט און אַפילו ווייניק פאַרשטאַנען יידיש. מען האָט זיי פאַראינטערעסירט מיט יידישע מקורות אין ענגליש און צו ביסלעך געלערנט יידיש. דאָס איז אָנגעגאַנגען פאַר עטלעכע יאָר ביז די גרופּע איז זיך צעפאַלן.

אין 1949, צו דער דערעפענונג פון דער ביבליאָטעק, האָט דער קלוב אַרויסגעגעבן אַ קונסט־אַלבאָם א"נ "סטודיאָ" מיט שאַפונגען פון די מאָלערס מאַקס באַנד, באָריס דייטש, קאָוונער־גראָדזקי און האָלץ־סקולפּטאָר סאַט. אין 1951, צום 25־טן יובל פון קלוב, איז דערשינען דער צווייטער נומער פון זשורנאַל "חשבון".

דעם 29־טן מאַי 1956 האָט דער קלוב און דאָס יידישע לאָס־אַנדזשעלעס, ווי די יידישע קולטור־וועלט בכלל פאַרלוירן דעם פּאָעט ה. רויזענבלאַט (געב. דעם 15־טן מאַי 1878 אין דערפל ריסאַשע, פּאָדאָליע).

אין 1960 איז געשאַפן געוואָרן דער "יצחק פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד" וואָס האָט פאַר איניקע יאָרן אויסגעטיילט פּרעמיעס צו יידישע שרייבערס פאַר די בעסטע דערציילונגען און עסייען. יצחק פרידלאַנד, דער לאַנגיאָריקער פּרעזידענט פון קלוב (פאַר 25 יאָר) און רעדאַקטאָר פון "חשבון" , אָנהויבנדיק פונעם ערשטן נומער, איז געשטאָרבן דעם 15־טן סעפּטעמבער 1956 אין עלטער פון 83 יאָר. ווידער אַמאָל האָט דער קלוב פאַרלוירן איינעם פון די אָנגעזעענסטע און אַקטיווסטע טוער.

די אָנפירונג האָט דעמאָלט איבערגענומען אליהו טענענהאָלץ און ער איז געווען פּרעזידענט פאַר איין זמן. דעם קומענדיקן זמן (1966־1967) האָט מיטן קלוב אָנגעפירט אַ פּעזידיום פון פיר פּערזאָן: מנחם ברייס, יצחק סאַפּיאַן, שלמה צוקערמאַן און אברהם שוואַרץ. אין יענער צייט איז אויף ס'נײַ געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו ברענגען יינגערע מענטשן אין קלוב אַריין. עס זענען פאָרגעקומען פיר לעקציעס אין ענגליש אויף יידישע טעמעס. אין 1967־1968 איז דאָס פּרעזידיום באַשטאַנען פון דריי פּערזאָן: ברייס, צוקערמאַן און שוואַרץ. (סאַפּיאַן איז געשטאָרבן אָנהויבן מאַי 1967). אין 1968 האָט אליהו צענענהאָלץ ווידער איבערגענומען די אָנפירונג פון קלוב. שלמה צוקערמאַן און דוד מערסעל זענען געווען וויצע־פּרעזידענטן. אין קומענדיקן יאָר איז דער טעאַטראַלאָג זלמן זילבערצווייג געווען פּרעזידענט און תנחום ברייס, שמואל ווייס און אַלעקס ראַבין וויצע־פּרעזידענטן.

אינעם זמן 1970־1971 האָט מיטן קלוב אָנגעפירט אַ פאַרוואַלטונג פון 10 פּערזאָן: ת. ברייס, ש. ווייס, ז. זילבערצווייג, אַ. טענענהאָלץ (געשטאָרבן אין יוני 1971), זיגמונט לעוו, דוד מערסעל, אריה פּאָזי, ש. צוקערמאַן, יצחק קאָלער און אַלעקס ראַבין. בלויז די סעקרעטאַרן און דער קאַסירער האָבן געהאַט באַשטימטע אַמטן. די

פאַרוואַלטונג־מיטגלידער האָבן זיך געטוישט מיטן אָנפירן די קולטור־אָוונטן. אין קומענדיקן יאָר איז שוין די פאַרוואַלטונג באַשטאַנען פון זעכצן פּערזאָן.

אין די זעכציקער יאָרן האָט זיך געענדערט די געגנט, ווו דער קלוב האָט געהאַט זיין היים. די יידישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן פאַרלאָזן "בויל הייטס" און זיך באַזעצן אין אַנדערע טיילן פון שטאָט. אין 1972 איז דער קלוב געווען געצווונגען צו פאַרקויפן די מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויטע היים. נאָך כמעט 27 יאָר איז דער קלוב געבליבן "אויף דער גאַס". אין דער צווישן צייט - 1972־1974, נאָכן פאַרקויפן די היים, האָט דער קלוב ווייטער פונקציאָנירט כמעט נאָרמאַל. די שבת־צו־נאַכטן זענען פאָרגעקומען אין געדונגענע זאַלן. עס איז נאַטירלעך געווען זייער שווער. די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער, באַזונדערס שלמה צוקערמאַן, אַלעקס ראַבין און זיגמונט לעוו האָבן אַוועקגעגעבן אַ סך צייט און מי אויפצוהאַלטן דעם קלוב.

נאָך אונטערהאַנדלונגען האָט די פאַרוואַלטונג זיך דערדערדט מיט דער אָנפירונג פונעם "אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג" אויף דער דריטער גאַס וועגן צובויען אַ צימער, וואָס זאָל זיין גרויס גענוג פאַר דער קלוב־אַרבעט. באַזונדערע פאַרדינסטן ביים העלפן צוגרייטן די פּלענער און בויען דעם נייעם לאָקאַל האָט געהאַט שלמה צוקערמאַן.

דעם 2־טן פעברואַר 1974 איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון דעם באַנייטן קולטור־קלוב אין דעם צוגעבויטן גרויסן זאַל אויף דער דריטער גאַס.

**דער דריטער פּעריאָד.**

פאַר די לעצטע 26 יאָר פירט אונדזער קולטור־קלוב זיין פאַרצווייגטע טעטיקייט אין דער נייער היים. אַלעקס ראַבין איז אויסגעוויילט געוואָרן און געווען ערשטער פאָרזיצער פון דעם באַנייטן קלוב ביז זיין טויט דעם 3־טן מערץ 1981. מיטפאָרזיצערס אין יענער צייט זענען געווען: שלמה צוקערמאַן, מאָריס דייטש און אריה פּאָזי. נאָך ראַבינס טויט האָט מיטן זמן 1981־1982 אָנגעפירט אַ פּרעזידיום פון פיר פּערזאָן: מאָריס דייטש, משה כהן, שלמה צוקערמאַן און יעקב קאהאן. אינעם עקזעקוטיוו זענען געווען: אריה פּאָזי, עמנואל גאָלדפאַרב, רחל און מענדל סלוצקי. אָנהויבנדיק פונעם זמן 1982־1983 איז משה כהן געווען פּרעזידענט פון קלוב ביז זיין טויט דעם 29־טן נאָוועמבער 1990. לילקע מייזנער האָט איבערגענומען דעם פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט פון פאָרזיצער און צבי הירש איז מיטפאָרזיצער ביז צום היינטיקן טאָג.

אין יוני 1996 האָט דער קלוב אויף אַ גאָר אימפּאָזאַנטן אופן געפייערט 70 יאָר עקזיסטענץ. די פייערונג איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פון דער יידישער פעדעראַציע. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט איבער 300 מענטשן. צווישן די פאַרשיידענע אָנגעזעענע באַגריסער איז געווען זאב יאַראָסלאָווסקי - איינער פון די פינף לאָס־אַנדזשעלעסער "קאָונטי סופּערווייזאָרס", ער האָט פּרעזענטירט אַ פּרעכטיקן "פּלאַק" אין נאָמען פון דער "קאָונטי".

אין 1996 איז לויט דער איניציאַטיוו פון דעם יונגן און אַקטיוון יידישיסט - אהרן פיילי און מיט דער פולער אונטערשטיצונג פון אונדזער קלוב און אייניקע יידיש־ענטוזיאַסטן געשאַפן געוואָרן אַ נייע אינסטיטוציע "יידישקייט". זיי האָבן צוגעגרייט און דורכגעפירט אַ יידיש־פעסטיוואַל. וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. דאָס האָט אויפגערודערט די שטאָט און עס איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. איבער 7,000 מענטשן, יונג און אַלט, האָבן באַזוכט די פאַרשידענע אונטערנעמונגען. מיט 2 יאָר שפּעטער, אין 1998 איז, דער פעסטיוואַל געוואָרן אויסגעברייטערט אויף אַ פּאָר טעג אין פאַרשידענע טיילן פון

דער שטאָט מיט אַרום 15,000 באַזוכער. פאַריקן יאָר איז דער פעסטיוואַל פאַרגעקומען אין חודש מאַי און געדויערט כמעט צוויי וואָכן. עס האָבן אָנטייל גענומען: "יידיש שפּיל" - דאָס יידיש טעאַטער פון ישראל; גרופּן פון קאַנאַדע און פאַרשיידענע שטעט פון אַמעריקע, איינער פון די אָנטייל נעמער איז געווען באָריס סאַנדלער-רעדאַקטאָר פון "פאָרווערטס". עס איז געווען אַ גאָר גרויסער דערפאָלג מיט אַרום 30,000 באַזוכער.

אין 1999 האָט דער קלוב אויסגעברייטערט זיינע טעטיקייטן און געשאַפן אַן אָפּטיילונג אין דער "וואַלי" - אינעם טאָל, צפון פון די בערג וואָס צעטיילן די שטאָט. דאָרט קומען פאַר קולטור-אונטערנעמונגען איין מאָל אַ חודש. שוין פאַראַן אַן ערך 130 געצאָלטע מיטגלידער. דער באַזוך אויף די אונטערנעמונגען איז אַ גוטער (פון 125 ביז איבער 200 פּערזאָן).

* * *

מיר האָבן פריער דערמאָנט, אַז דער ערשטער נומער פונעם זשורנאַל "חשבון" איז דערשינען אין 1946, לכבוד דעם חנוכת הבית פון דער נייער קלוב-היים. דער צווייטער נומער איז אַרויס מיט פינף יאָר שפּעטער אין אָקטאָבער 1951, צום 25־טן יאָר עקזיסטענץ פון קלוב אונטער דער רעדאַקציע פון ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד, א. באַבּיטש און אַ. טענענהאָלץ. פאַר די נאָענטסטע פיר יאָר איז דער "חשבון" דערשינען יעדן אָקטאָבער צום אָנהייב פונעם קלוב־זמן. רעדאַקטאָר איז געווען י. פרידלאַנד מיט דער מיטהילף פון אַ. באַבּיטש און י. מאַלאַמוט. אין 1954 איז דערשינען אַ ספּעציעלער נומער געווידמעט דעם 100־יאָריקן יובל פון יידישן ישוב אין קאַליפאָרניע.

אין 1955 האָבן זיך אין לאָס־אַנדזשעלעס באַזעצט דער יידישער שרייבער ד"ר וויליאם נאַטאַנסאָן און דער יידיש־העברעיש געלערנטער ד"ר נח גאָלדבערג,ביידע זענען געקומען פון שיקאַגאָ. לויט זייער איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן אַ ליטעראַרישע גרופּע א"נ "בוך און לעבן". אָנהייבנדיק מיטן 7־טן נומ' "חשבון" (אַפּריל 1956) איז די שרייבער־גרופּע אין באַשטאַנד פון וו. נאַטאַנסאָן, מלכה טוזמאַן און נח גאָלדבערג געוואָרן רעדאַקציע־ראַטגעבער און געהאָלפן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל צוויי מאָל אַ יאָר. אין אַפּריל און אָקטאָבער. מיטן 9־טן נומער אין יאַנואַר 1957 האָט דער "חשבון" אָנגעהויבן דערשיינען פיר מאָל אַ יאָר. פאַרן 10־טן נומער זענען אין רעדאַקציע־ראַט געווען בלויז נאַטאַנסאָן און גאָלדבערג. אין 1958 איז צוגעקומען אַ נייער אַמט - רעדאַקציע־סעקרעטאַר. דער ערשטער סעקרעטאַר איז געווען אַ. כראַבאַלאָווסקי, אין מאַי 1958 האָט די שרייבער־גרופּע געטוישט איר נאָמען אויף "שרייבער קרייז ביים זשורנאַל "חשבון".

זינט יענער צייט האָבן זיך פיל מאָל געטוישט די רעדאַקטאָרן, מיט־רעדאַקטאָרן און סעקרעטאַרן. עס זענען צוגעקומען נייע מיטאַרבעטער און אַנדערע זענען אָפּגעפאַלן. אַוועק אין דער אייביקייט. נאָכן טויט פון יצחק פרידלאַנד (דעם 15־טן סעפּט. 1965) וועלכער איז געווען רעדאַקטאָר זינט 1946, און מאַטעס דייטש - סעקרעטאַר (געשטאָרבן אין דער זעלבער צייט), איז דער 44־סטער נומער "חשבון" דערשינען אין אַפּריל 1966 אונטער דער רעדאַקציע פון אַ. טענענהאָלץ ביי דער מיטהילף פון מלכה טוזמאַן און ה. לאַנג. דער קינסטלער ב. מלכי האָט געצייכנט די הילע, וואָס ווערט גענוצט ביז היינטיקן טאָג. אָנהויבנדיק מיטן טאָפּל נומער 45־46 איז אריה פאָזי געווען רעדאַקטאָר און ז. בונין סעקרעטאַר. אין יאַנואַר־מערץ 1968 איז דערשינען דער 50־סטער יובל נומער "חשבון". ז. בונין שרייבט דאָרט צ"אַ (זייט 71): "דעם גרעסטן יישר כוח פאַר

גרינדן און אויפהאַלטן דעם "חשבון", קומט נאַטירלעך דעם ל.א. יידישן קולטור־קלוב. ווען נישט דער קלוב וואָלט "חשבון" לכתחילה נישט אָנגעהויבן דערשיינען און וואָלט מיט אייגענע כוחות נישט געקאָנט עקזיסטירן". דאָס איז אַקטועל - באַזונדערס די לעצטע ווערטער-ביז היינטיקן טאָג.

אין אָקטאָבער 1969 איז שמואל ווייס געוואָרן מיט־רעדאַקטאָר און שמואל סיגל און אַלעקס ראָבין רעדאַקציע־קאָנסולטאַנטן. ווינטער 1972 איז דערשינען דער נומער 66 "חשבון" געווידמעט דעם 75־טן געבוירנטאָג פון אַלעקס ראָבין. די רעדאַקציע־קאָלעגיע איז ספּעציעל פאַר דעם צוועק אויסגעברייטערט געוואָרן און האָט אַריינגענומען: אברהם גאָלאָמב, ז. בונין, זלמן זילבערצוויג, אריה פּאָזי, ה. בערמאַן, סימע קאַרפּ, דוד גאָלדמאַן, שלמה צוקערמאַן, יעקב קאַהאַן און שמחה גרעי. דעם זעלבן יאָר זענען דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד און דער אַרבעטער־רינג געוואָרן די אָפיציעלע אונטערשטיצער פון "חשבון".

אין אַפּריל 1975 איז דערשינען אַ ספּעציעלער נומער "חשבון" געווידמעט דעם 80־יאָריקן יובליי פון אריה פּאָזי. די רעד־קאָלעגיע איז דאָס מאָל באַשטאַנען פון א. גאָלאָמב, ש. ווייס, א. ראָבין און זלמן שלאָסער. וועלכער איז געוואָרן שטענדיקער מיט־רעדאַקטאָר און סעקרעטאַר, און צו זיין 85־טן געבוירנטאָג האָט ז. בונין באַקומען דעם אָפיציעלן טיטל: סעקרעטאַר־עמעריטוס.

דער נומער 87־88 איז געווען געווידמעט דעם 80־טן געבוירנטאָג פון שלמה צוקערמאַן. אין האַרבסט 1977 (נום. 89) האָבן מיר שוין ווידער אַ נייע רעדאַקציע־קאָלעגיע פון שמואל ווייס און משה שקליאַר, רעדאַקטאָר איז געוואָרן זלמן שלאָסער. צו דער קאָנסולטאַנטן־גרופּע געהערן: משה כהן, נתן גראָוויטש, אלימלך דייטש און אַלעקס ראָבין. גרשון פרידמאַן ווערט פינאַנס־סעקרעטאַר.

זומער 1978 האָט דער "חשבון" אָפּגעגעבן כבוד דעם "לערער פון לערערס" אברהם גאָלאָמב צו זיין 90־טן געבוירנטאָג. אין 1980 ווערט יעקב שייפער צוקאָפּטירט צו דער פאַרוואַלטונג. און אין פרילינג 1985 ווערט ישראל גובקין אַ מיטגליד אין דער רעד־קאָלעגיע.

דעם 28־טן יאַנואַר 1986 איז אריה פּאָזי געשטאָרבן אין עלטער פון 91 יאָר. דעם 13־טן סעפּטעמבער 1986 איז זלמן שלאָסער געשטאָרבן און משה שקליאַר ווערט רעדאַקטאָר פון "חשבון", ישראל גובקין איז מיט־רעדאַקטאָר. אין פרילינג 1991 האָט גרשון פרידמאַן רעזיגנירט און נתן שטיינמאַן נעמט איבער די אַרבעט פון פינאַנס־סעקרעטאַר, צבי הירש ווערט פאַרוואַלטער. אין דער זעלבער צייט ווערט לילקע מייזנער אַ מיטגליד פון דער "חשבון"־פאַרוואַלטונג. אין 1993 איז ישראל גובקין געשטאָרבן און משה שקליאַר איז רעדאַקטאָר ביזן היינטיקן טאָג.

אין פרילינג 1996 איז דערשינען אַ גאַר אינטערעסאַנטער און פאַרגרעסערטער יובל־נומער (127) "חשבון" געווידמעט 70 יאָר פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און 50 יאָר "חשבון".

אין משך פון 55 יאָר האָבן די דערמאָנטע פּיאָנערן און בויער פון "חשבון" אוועק־געגעבן אַ סך מי און שווערע אַרבעט פאַרן דערפאָלג פונעם זשורנאַל. זייער אַרבעט וואַרט נאָך אויף אַן אָפּשאַצונג. אַזוי אויך די אַרבעט פונעם קלוב, וואָס האָט שטענדיק באַקומען אַ ברייטע אָפּשפּיגלונג אויף די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל. נאָר דאָס איז שוין אַן ענין פאַר היסטאָריקער.

# כראָניק פון לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קלטור־קלוב

## פרילינג 2001

* מוצאי שבת דעם 21־סטן אַפּריל, יזכור־אָוונט לכבוד די העראָישע געטאָ־קעמפּער און די זעקס מיליאָן קדושים פון אונדזער פאָלק. אין פּראָגרם: דערעפענונג - עריק גאָרדאָן, דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג; אָנצינדונג פון זעקס סימבאָלישע ליכט; דראַמאַטיזאַציע וועגן לעבן, קאַמף און אומקום פון בונדישן טוער שמואל (אַרטור) זיגעלבוים (פאָרשטייער פון יידישן אונטערגרונט אין פּוילישן עמיגראַנטישן פּאַרלאַמענט אין לאָנדאָן, וו ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אַלס פּראָטעסט קעגן גלייכגילט פון דער וועלט צום יידישן אומקום), און דעם כראָניקער פון וואַרשעווער געטאָ ד״ר עמנואל רינגעלבלום, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אויף דער ״אַרישער״ זייט אין וואַרשע. דער כאָר פון אַרבעטער־רינג האָט געזונגען אַ ריי געטאָ־לידער.

* מוצאי שבת דעם 5־טן מאַי, אָוונט מיט חייהלע אַש, באַוווסטע אַקטריסע פון יידישן טעאַטער, וועלכע האָט גערעדט אד״ט: יידישע שרייבערס פון רומעניע.

* מוצאי שבת דעם 19־טן מאַי, וועגן לעבן און שאַפן פון גרויסן יידישן דיכטער דוד האָפשטיין, דעם קרבן פון סטאַלין־רעזשים אין רוסלאַנד. האָט גערעדט דער דיכטער משה שקליאַר, ריסאַ איגעלפעלד אין באַגלייטונג פון איר אַקאָרדיאָן האָט געזונגען לידער פון האָפשטיינען און פון אַנדערע יידיש־שאַפערס.

* מוצאי שבת דעם 9־טן יוני, אָוונט געווידמעט דער דיכטערין רחל קאָרן. וועגן איר לעבן און שאַפן האָט גערעדט לילקע מייזנער. מוזיקאַלישער פּראָגראַם - רימאַ בירמאַן.

* מוצאי שבת דעם 23־טן יוני, דאָקומענטאַרער פילם פּראָדוצירט אין וואַרשע אין יאָר 1938. קאָמענטאַרן וועגן פילם און פילם־דאָקומענטאַציע - פּראָפ הערשל סלוצקי.

* מוצאי שבת דעם 30־סטן יוני, אָפּשלוס פון סעזאָן. קאָנצערט־אָוונט געווידמעט 75 יאָר עקזיסטענץ פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס, אויסגעפירט דורך דער באַוווסטער זינגערין ליזאַ וואַנעמייקער ביי דער גיטאַר־באַגלייטונג פון דזשאָרדאַן טשאַרנאָווסקי. וועגן דער אַרבעט פון קלוב און זיינע פּערספּעקטיוון האָט גערעדט די פּאָרזיצערין לילקע מייזנער.

* * *

זונטיק דעם 12־טן אויגוסט בייטאָג איז אין זאַל פון אַרבעטער־רינג פאָרגעקומען אַ טרויער־פאַרזאַמלונג געווידמעט דעם אָנדענק פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבערס אין געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די טרויער־פאַרזאַמלונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן יידישן קולטור־קלוב, אַרבעטער־רינג, שלום־אָרגאַניזאַציע און אַ ריי אַנדערע סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. אַ גרויסער עולם איז געקומען אָפּגעבן כבוד די דערמאָרדעטע דורכן סטאַלין־רעזשים יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס.

נאָך די אַריינפיר־ווערטער פון עריק גאָרדאָן (אַרבעטער־רינג) און לילקע מייזנער (יידישער קולטור־קלוב), האָט דער כאָר פון אַרבעטער־רינג אונטער דער אָנפירונג פון רות יודקאָוויטש געזונגען אַ ריי לידער פון די אומגעבראַכטע שרייבערס. דער דיכטער משה שקליאַר האָט דאַן פאָרגעלייענט זיינס אַ ליד געווידמעט דער טראַגישער דאַטע. לידער פון שמואל האַלקין, דוד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, אהרן קושנירעוו און זעליק אַקסעלראָד האָבן פאָרגעלייענט דער אַקטיאָר יעקב לעווין און לילקע מייזנער. מיט לידער פון פרץ מאַרקיש און איציק פעפער האָט דער כאָר פאָרענדיקט דעם איינדרוקספולן נאָכמיטאָג.

אַלע לידער זענען געוואָרן איבערגעזעצט און פאָרגעלייענט אין ענגליש דורך הערשל האַרטמאַן, וועלכער וואָס אויך צוגעגרייט די נאַראַציע, געלייענט דורך גערי מאַרגאָליס.

**נתן שטיינמאַן**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

## דער דיסטריקט קאמיטעט פון
# אַ ר ב ע ט ע ר  ר י נ ג

**שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.**

Dear friends, we eamestly appeal to you. Join the Workmen's Circle/Arbeter Ring and help us teach and preserve Yiddish for the next generation. Please do your part. Help us grow and sustain our critically important work. As Hillel has said, "If not you, who?" Join Now!

# ARBETER RING/
# THE WORKMAN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007 אָדער טעלעפאָנירט

---

## לאָס אַנדזשעלעסער
## יידישער קולטור קלוב

*שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע*
*אונדזערע מיטגלידער און פריינד*
*בכל מקום שהם*

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

---

ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד, יידיש צווייג

**טשענקין ווייסבערג, פּרעז.**

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן
צו די שרייבערס, אַדמיניסטראַציע
און לייענערס פון "חשבון".
זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין
ביים פאַרשפּרייטן
און פּאָפּוליאַריזירן די קולטור־אוצרות,
אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע
אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**
בעטעסדאַ, מערילענד

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

# הירש, צבי און טאָני

## צו משפּחה, פריינד און מיטגלידער
## פון יידישן קולטור קלוב
## שנת ברכה והצלחה

---

# ליינער, שמחה און משפּחה

---

# סילבער, אַדעל און אייזיק

בעסטע ווונטשן פאַר אַ גוט, געזונט יאָר
שלום אין ישראל און דער וועלט!

---

# יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס

ווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר.
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טוב תכתבו.
אַלען טראַגאַרזש - סעק.

---

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

## בלושטיין, שרה

---

## מייזנער, לילקע

---

## קאַפּלאַן, רחל און דוד

---

## ד"ר שייפער, בענסאָן און דאַנאַ – פּאָרטלאַנד, אָרעגאַן

---

באָראָוויק לייב
גאָטעסמאַן בעלאַ
דאָבינס, שרה
הענדלער, טרוים און פראַנק
הענלי, מאַשאַ
האַדאַ, זשאַנעט און טאָבין אַלען
ווייס, עדנאַ
וועלטמאַן, פראַניע
זאַיאָנץ, מייקל און וולאַדיסלאַוו
זעלמאַ, קובאַ און אסתר

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

טאַלעראַנט, עמאַ

טשעסנין, פּימאַ און רחל

לובין, דוד

לעווין, יעקב און רעגינע

לעווין, דזשעק און ען

לעווענטאַל, בעבע און לי

פּראָפ. מאָסקאָוויטש, שרה און איציק

מיד, בנימין און וולאַדקע

סאָסקי, יוסף און העלען

סטעמפּעל, טינאַ

סלוצקי, אברהם און יעווגעניאַ

סלוצקי, רחל און מענדל

ד"ר פישמאַן, בערט און בעטי

ד"ר פישמאַן, שיקל, געלע און משפּחה

פלאַם, גילאַ

פּראָפ. פרייקס דזשעראָלד

פּעלנער, פייגע און מאַראָקאָ משה

פּערטשוק, טערעסאַ

פּערלסאָן, רחל

פּיילי, אהרון

קרישטאַל, שלום

רייך, פּנחס שיינדל און פאַמיליע

שאַפּיראָ, רעי און מאַרטין

שוואַרץ, רעניי

שלאָסער, נעכע

בורמאַן, געניע און אַלבאַ ווילי

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**ליפשיץ, אסתר**

**מאַלעוויטש, זעלדע און פּסח**

**באַסנער, יעקב**

**גודמאַן, רעי**

**גילינסקי, ליובאַ**

**זאַלען, ריטשאַרד און ען**

**סאַפּאַדי, מיכאלה**

**קאהן, גאָלדי**

**קאַרפּ לעווקאָוויטש, סימאַ**

**שיין, ען און לוסי**

**שווייצער, לאה**

**שטיינמאַן נתן**

**שקליאַר, משה און דבורה**

צו די גבורות
פון דער פּאָרזיצערין פון יידישן קולטור־קלוב
אין לאָס־אַנדזשעלעס,
דער לאַנגיאָריקער יידישער קולטור־טוערין און באַגאַבטער
לעקטאָרין, מיטגליד פון דער "חשבון־פאַרוואַלטונג

**לילקע מייזנער**

ווינטשן מיר איר אַ סך געזונט און דערפאָלג אין דער
ווייטערדיקער אומדערמידלעכער אַרבעט לטובת דער
יידישער קולטור

**"חשבון"**

# נייע ווערטער

אַלע שפּראַכן פֿון דער וועלט, ספּעציעל די קולטורשפּראַכן, וואַקסן. פֿון יאָר צו יאָר קומען צו הונדערטער נייע ווערטער, נייע וויסנשאַפֿטלעכע, טעכנאָלאָגישע, פּאָליטישע אַדמיניסטראַטיווע, מיליטערישע טערמינען. מע גיט אַרויס נייע ווערטערביכלעך ספּעציעל פֿאַר די נייע ווערטער. אויך יידיש שטייט נישט אויף אַן אָרט; סע קומט כסדר צו ניי שפּראַכוואַרג, כאָטש נישט אַזאַ סך ווי, למשל, אין ענגליש. פֿונדעסטוועגן דערגייען די יידיש-שפּראַכיקע נייִשאַפֿונגען אַ מאָל נישט צום ברייטן עולם. די נייע המצאות פֿון שרייבערס און אַפֿילו סתם לייענערס ווערן נישט פּאָפּולאַריזירט ווי ס'קער צו זיין, זיי גייען נישט אַריין אין דער שפּראַך-צירקולאַציע.

בעטן מיר איטלעכן יידיש-רעדער: אויב סע קומט אייך אויס צו לייענען אָדער הערן אַ ניי וואָרט, שרייבט אונדז וועגן דעם. מיר זאַמלען אָט דאָס נייוואַרג מיט דער האָפֿענונג אָרויסצוגעבן אַן ענגליש-יידיש ווערטערביכל פֿאַרן 21-סטן יאָרהונדערט, ספּעציעל פֿאַר די נעאָלאָגיזמען, די ניי-צוגעקומענע ווערטער פֿון די פֿאַרגאַנגענע 35 יאָר, אַ דערגאַנצונג צו סטוטשקאָווס אוצר פֿון דער יידישער שפּראַך און אוריאל ווײַנרייכס מאָדערן ענגליש-יידיש יידיש-ענגליש ווערטערבוך.

שיקט אונדז צו אייערע אָבסערוואַציעס און אייגענע פֿירלייגן אויפֿן אַדרעס:

League for Yiddish
200 West 72 Street, Suite 40
New York, NY 10023

אָדער אויפֿן בליצפּאָסט-אַדרעס mschaecht@aol.com